## לאנדאנער ידיעות (המשך)

דער לאָנדאָנער אַקטיאָר לעאָן קאַסווינער שפּילט אין ישראל אין קאַמערי טעאַטער.

* * *

זלמן רובאַשאָוו אויף זיין צוריק־רייזע פונם „יידישן וועלט קאָנגרעס“ קאָנפערענץ אין זשענעווע קיין ישראל האָט געווײלט אין לאָנדאָן ווו ער האָט פאַר אַן ענגן קרייז געהאַלטן אַ רעפעראַט.

* * *

הרב מיכאל פישער האָט אָפּגעדרוקט זיין ערשטן טייל „עטרת מרדכי“ אויף פרקי אבות וואָס מאַכט אַן איינדרוק אין דער השכלהשע וועלט.

* * *

דר. רבי קאָפּל כהנא באַזעצט זיך אין לאָנדאָן. „פריינט פון יידיש לשון“ גרייטן צו אַ קבלת פנים פאַר דעם גרויסן תלמיד־חכם און געלערנטן פאַר קומענדיקן חודש.

* * *

שלום אַש פליט אָפּ קיין אַמעריקע אויף אייניקע וואָכן.

ס׳ווערט געפּלאַנט אַ באַזוך פון ישראל קיין מערב־אייראָפּע און ענגלאַנד פון א. מ. פוקס אין שייכות מיט אַ וויכטיקער קולטור אונטערנעמונג.

* * *

הענרי גערא מיט זיין פאַרטנערין ראָזיטאַ לאָנדנער קומט אין גרענד פאַלעי צום נייעם סעזאָן.

* * *

שלום אַש האָט אָנגעשריבן אַ נייעם ראָמאַן פונם אַמעריקאַנישן יידישן לעבן „אַ וועג אין דער נאַכט“, וועלכער דערשיינט איצט אין ענגליש. זיין „תהילים ייד“ און „משה“ זיינען איצט דערשינען אין אַ העברעאישער איבערזעצונג אין ישראל. נאָך פאַר ראש השנה דערשיינט זיין „נוצרי“ אין ישראל אין העברעאיש.

* * *

דער מאָלער מאַרק וויינער האָט אַן אויסשטעלונג פון זיינע בילדער אין דער אַפּאָלינאַר גאַלעריע. מ. וויינער האָט לעצטנס אויך געהאַט אַן אויסשטעלונג אין שעפילד.

## רעדאקציע נאטיץ

די הומאָרעסקע פון א. מ. קיזער, די דערציילונג פון מרים ראָזין, דאָס ליד פון ש. סימכאָוויטש א.א.ז. וועלן געדרוקט ווערן קומענדיק חודש. אויף זייטל 16, שורה 3 (פון הינטן אַרויף) מוז זיין שטאָט אָטעמט — אָטעמס ; אויף זייטל 17 שורה 6 (פון הינטן אַרויף) מוז זיין שטאָט ביי — בייז.

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1*

161

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 10 (העפט 165) פערצנטער יאָרגאַנג אָקטאָבער 1953 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

### אינהאַלט:

ווייטשעפּל, נישט אַזוי שאַרף ווי קורץ ........ ** 1
אַן אַ זכר און אַן אַ קדיש ........ ש. מאַלדאַווער 6
פּאָמפּיי ........ ש. טענענבוים 8
די ים־לידער, בראשית, צו אונזערע געסלעך ........ א. נ. שטענצל 9
„כאַפּטאָמאַניע“ ........ א. מ. קיזער 61
דער צפת׳ער מקובל ........ יוסף פערלשטיין 19
שלום אַש ........ ש. סימכאָוויטש 20
טעאַטער נאָטיצן ........ כפריני 21
500 נומערן „דער שפּיגל“ ........ הערש שישלער 24
דער בוים פאַר מיין פענצטער ........ רחל מירסקי 25
די יידישע פּרעסע און דער וועלט ........ 27
יידישע טעאַטער־נייעס ........ 28
פאַרשיידענע קולטור־נייעס ........ 30
לאָנדאָנער קולטור־ידיעות ........ 31
ביכער אָנגעקומען אין רעדאַקציע ; מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאָכמיטיקס ; אויפרוף פון דער אַדמיניסטראַציע ........ 32

**פרייז 1 שילינג און 6 פענס**

**אַבאָנענט־פרייז :—19/6 פאַר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד :—5 דאָלאַר אַ יאָר**

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

## אויפרוף פון דער אדמיניסטראַציע „לשון און לעבן"

חשובע לייענער און פריינט.

אין דער אַדמיניסטראַציע פון אונזער זשורנאַל „לשון און לעבן" איז פאָרגעקומען אַ רעאָרגאַניזאַציע און עס איז אונזער באַגער, אַז אין דער צוקונפט זאָלן אויסגעמידן ווערן פעלערן, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן אין משך פון יאָרן! די פעלערן, וואָס האָבן אונזער זשורנאַל גורם געווען אומגעהויערע פינאַנציעלע שאָדנס און וואָלטן אים געקאָנט געבן אַ געזיכערטע עקזיסטענץ, זיינען באַגאַנגען געוואָרן פון די יעניקע חשובע לייענער און פריינט, ווייל זיי האָבן פשוט פאַרנאַכלעסיקט און נישט געצאָלט רעגלמעסיק זייער אַבאָנאַמענטס־אָפּצאָל!

נאָכבלעטערנדיק אונזער אַבאָנענטן־ליסטע האָבן מיר צו אונזער גרויסן באַדויערן פעסטגעשטעלט, אַז פון די באַטרעפנדע נאַכלעסיקע אַבאָנענטן קומט אונז אַ סומע פון עטלעכע הונדערט פונט!

זאָל דאָ אויסגעזאָגט ווערן דער סוד (וועלכער איז אין דערווירקלעכקייט נישט קיין סוד, נאָר אַן אמת!), אַז אַ דאַנק די מערמאָליקע אָפּערווייליקע ביישטייערונגען פון אונזערע איבערגעבענע פריינט, זיינען אָפּטמאָל באַזייטיקט געוואָרן די פינאַנציעלע קאַטאַסטראָפעס כדי צו דערמעגלעכן, אַז דער זשורנאַל „לשון און לעבן", וועלכער עקזיסטירט זינט 14 יאָר, זאָל, נישט געקוקט אויף זיינע פינאַנציעלע ראַנגלענישן, דערשיינען רעגולער יעדן חודש.

חשובע לייענער און פריינט!

מיר אַפּעלירן צו אייך מיט דער דרינגענדיקער בקשה, אַז איר זאָלט תיכף באַצאָלן אייערע חובות און נישט וואַרטן, ביז איר וועט פון אונז באַקומען מאָנונגען. פאַרגעסט נישט, אַז דאָס שרייבן בריוו און שיקן מאָנונגען איז פאַרבונדן מיט צייט און מיט געלט און מיר האָבן נישט קיין באַצאָלטע באַאַמטע. וואָס זאָלן טון די אַרבעט, ווייל אַלץ ווערט פון אונז געמאַכט פריוויליק.

געדענקט, אַז פון אייך איז אָפּהענגיק דער גורל פון אונזער זשורנאַל און מיר בעטן אייך צו דערפילן אייער פליכט: באַצאָלט אונז אייערע חובות און באַשטייערט זיך לויט אייערע מעגלעכקייטן פאַר דעם „קולטור־פאָנד" פאַר אונזער זשורנאַל.

מיר האָפן, אַז איר וועט דערפילן אייער פליכט און זאָגן אייך אין פאָרויס אַ האַרציקן דאַנק.

דער אַבאָנאַמענט־פּרייז פאַר אונזער זשורנאַל „לשון און לעבן" איז 10/6 אַ יאָר.

אַדמיניסטראַציע „לשון און לעבן".

---

### פון דער רעדאַקציע:—

דאָס פּובליציסטישע מאַטעריאַל, וואָס ווערט פאַרעפנטלעכט אין אונזער זשורנאַל איז דער פּערזענלעכער אויסדרוק פון זיינע מחברים.

---

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

נומער 10 (העפט 165) פערצנטער יאָרגאַנג אָקטאָבער 1953 לאָנדאָן

## ווייטשעפל

ווייטשעפל איז געוואָרן אַ יורד. די נגידים האָבן זיך אַרויסגעצויגן פון די יידישע געסלעך דאָ; ווייטשעפל האָט פאַרלוירן דעם הדרת־פּנים — די רביימלעך מיט די צעקעמטע שיינע בערד זיינען נאָכגעלאָפן נאָך די נגידים; ווייטשעפל איז שוין באַלד האַלב לײדיק. אַ גרויסער טייל פון די אַמאָליקע האַראָפּאַשנע אַרבעטער־מאַסן פון „עמך" און בעל־מלאכות, וועלכע דער „בליץ" האָט פאַריאָגט פון די איינגעגנעסטעטע יידישע געסלעך אין די פאָרשטעט פון לאָנדאָן, האָבן זיך שוין פאַרקליבן אויפן עולם האמת און זייערע קינדער, ווער ווייסט ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען . . .

אויך אונזער פריש געשאַפענע וועלטל, דאָס וועלטלעך־צעקראָכענע, איז זיך אויך שוין צעקראָכן, ווער קיין מעבר לים, ווער קיין ישראל און ווער—פון וואַנען מען קומט שוין נישט צוריק! און דאָס וואָס איז געבליבן איז אויך שוין גאַנץ צעקראָכן . . . און ווער עס האָט נאָך כוח פאַרקריכט זיך ווו ער קאָן! . . .

דער „דעפּענס"־רעדנער פון דער באָארד אָף דעפּוטיס קאָן לײדער שוין נישט אויף זיין „קול קול יעקב" האָפערדיק אויסשרייען מיט אַ יום־טובדיקן ניגון: „קוקט דאָך צו דער איסט ענד, צום מזרח פון לאָנדאָן, צו ווייטשעפּל, צו די צענער טויזנטער יידישע האַראָפּאַשניקעס, וועט איר אויפהערן מיט אייער יידן־האַס, אַז יידן זיינען סוחרים, באַנקירן, פּאַראַזיטן".

און אַז אונזער מזרח־וואַנט דאָ האַלט ביים איינפאַלן, ביים צעברעקלען זיך, איז עס גאַנץ נאַטירלעך. אַז די רויטשילדס און די האַר־בעלישאס האָבן קיין אינטערעס נישט מער צו „באַערן" וואָס אָפּטער דאָ אונזערע שולן אין אַ „שבת־מברכים", אין אַ יום־טוב, און זיך צו לאָזן באַוווּנדערן אין זייערע „באָקסעס"... עס זיינען אויך נישט מער דאָ יענע „היימישע" אַמאָליקע חזנים, וואָס פלעגן נאָך אַ צי־טון מיט זייערע אָנגעווייטאָגטע זיסע קול נגינות דאָס ווייטעסטע יידישע האַרץ.

די געבאָמבטע שולן ווערן נישט צוריק אויפגעבויט, און נישט איין האַלב־לײדיקע שול איז פאַרמאַכט. „אונזער" אַרבעטער רינג, די איינציקע „פעסטונג" פונם פּראָגרעסיוו־יידישן אַרבעטער, האָט זיך אויך שוין דאָס יאָר פאַרקויפט. די שניידער־ און טישלער־יוניאָנס האָבן עס שוין פריער באַוויזן צו טון מיט גרויס דערפאָלג . . .

ווייטשעפל, דאָס יידישע אַמאָליקע ווייטשעפל, דאָס נעסטל, וואָס די אַמאָליקע עמיגראַנטן, די ציענדיקע שוואַלבן מעבר לים, האָבן זיך דאָ אויסגעבויט, מיט אַ געפינען שטרויעלע, מיט אַ פאַרלוירן פעדערל און אַזוי בייז־באַוווּנדערנ־

דיק אויפגעבויט, קרישלט זיך און צעפאַלט. ווייטשעפל איז אַ יורד, די יידישע געסלעך דאָ פוסטעווען, זיי פאַרלירן דעם צלם־אלוקים.

אָבער ווי וואָכעדיק ווייטשעפל איז נישט געוואָרן, ווי אָפגענוצט און צעקראָכן בלאָזט אַ דערפרישנדיקער ווינט דורך די לעכער, ווען עס קומען אָן די פאָר ימים נוראים טעג; עפעס אַ פאָרכטיקע אומרואיקייט נעמט די געסלעך אַרום; מען גלויבט צו הערן אַ ווייטן עכאָ פון די אַמאָליקע היימען, דאָס בת־קול פון אונזער שטעטלעך הערט זיך, יענע וואָרקנדיקע טויב, וואָס קלאָגט, ברומענדיק פון אַ חורבה: „ווײ וואָס כ׳האָב פאַרוויסט מיין היים און חרוב געמאַכט מיין הויז״.

די געשעפטן זיינען געשלאָסן; דער טומלדיקער ווייטשעפל מאַרק איז שטיל ווי דער סמבטיון אין שבת־קודש; יום־טוב׳דיק אָנגעטאָן, אין נייע קאַשקעטן, מיט די מחזורים אונטער די אָרעמס איז אַ געגיי אין שול — און אונזער איינס, — ווי יענע פרץ־נשמה אויף כף־הקלע, וואָס זוכט צו ראַטעווען זיין אייגן ביסל לעבן מיט די דריי געפונענע מתנות, —יאָגט פון איין שול אין דער צווייטער, דאָ אַ טאָן צו דערכאַפן, דאָ אַ „פאַל״ פון אַ ניגון, אַ פיצעלע פון אַ מעלאָדיע, אַ זיפץ פון אַ האַרץ, צוריק צוזאַמענצושטעלן קענען דעם פאַרלוירענעם ניגון אונזערן, דאָס אייביקע ליד אונזערס — דעם יידישן עכטן נוסח!

עס ווערט אַזוי אומעטיק אויפן האַרצן, אַזוי אָסיענדיק סמוטנע, אַזוי מאוימדיק ימים־נוראימדיק: ווו איז יענער פאַרטיפטער גמרא־ניגון, יענער פאַרציקטער זוהר־געזאַנג, יענע פשוטע תהילים־ליד?

אין „פאָליש אויף דער קייט״, אין דער „קאָנע״ אין דער היים איז געבליבן שוין דער „לעצטער בעל תפילה״ דוד איינהאָרנס, און דאָ אברהם רייזען מיט זיין „מאי קא משמע לן״ איז אויך שוין נישטאָ — — „אל מלא רחמים שוכן במרומים״!

אפשר מוז ווייטשעפל, — דאָס „כל־בויניקל״, דאָס „וויסקראָבעקל״ פון אונזערע עיר ואמ׳ס בישראל, — גיין דעם זעלבן וועג ווי אונזערע שטעטלעך זיינען געגאַנגען; עס איז דאָך תמיד נאָר געווען אַן אָפבילד בלויז פון אונזערס אַ היימיש שטעטל, אַ שאָטן ביי דער וואַנט נאָר, — אַ שניידערישער צוזאַמענשטעל פון שטיקלעך יתור! — און איצט, אַז אונזערע יידישלעכע שטעטלעך זיינען אויסגעראָטן, מוז זיין שאָטן־בילד, — ווייטשעפל, — אויך פאַמעלעך פאַרשווינדן — — —

ווער ווייסט, אפשר, אין בעסטן פאַל, קאָן עס קוים איבערבלייבן אַזאַ פאַרלוירענער טשעמאָדאַן אויף דער עמיגראַציע פון אייראָפעאישן ברעג קיין אַמעריקע — — —

איינס אָבער איז זיך, אפנים, דאָס ענגלישע יידנטום אינסטינקטיוו באַוווסט — בעסער געזאָגט, איז זיך די לאָנדאָנער קהילה קלאָר — וועט ווייטשעפל גאַנץ אויסגעליידיקט ווערן, איז אונזער גאַנץ געזעלשאַפטלעך, גייסטיק און גייסטלעך לעבן, אויך ערליידיקט — אַז דער יסוד ווערט גאַנץ אונטערגעגראָבן פאַלט דער בנין ממילא איין!



TOWER
HAMLETS
LIBRARIES

דאָס בית־דין, דער ועד הרבנים, דעם טשיף ראַבייס אָפיס״, די „פעדעריישאָן״, די „יונייטעד בעריעל סאָסייטי״, דער שעלטער, די כל־ערליי „פרענדלי סאָסייטיס״, „באָרד אָף גאַרדיענס״ זיינען געבליבן אין ווייטשעפל.

אַ יידיש טעאַטער, וועלכעס שפילט יעדן טאָג, האָבן מיר נאָך, ברוך השם, אין ווייטשעפל; אַ וואָכנצייטונג, וועלכע סאָכאַטשעווסקי גיט אַרויס, וואָס האַלט זיך אָן מיט אַלע כוחות, אַ חודש־זשורנאַל, וואָס וויל נאָך אָנהאַלטן ליטעראַרישן שטאַט, די יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס, די יידיש־לעקציעס ביי דעם קאונטי קאונסיל.

אַפילו די רעפאָרם יידן, די העבריקעסעס, זיינען זיך באַוווסט, וואָס אַזוינס עס מיינט ווייטשעפל!

אָפיציעל, איז ווייטשעפל נאָך ווייטשעפל! און אין די הייליקע יום־טוב טעג גלאַנצט נאָך איר צעקראָכענע לאַסטינקנע קאַפאָטע. ראש השנה שטייט נאָך דער טשיף ראַביי, דר. בראָודי אין ווייטשעפל און האַלט זיינע ראש השנה דרשות אין ענגליש אין דווקא אַן איסט ענדער שול פון לויטער יידן, כ׳מיין ריידנדיקע יידן — ווו יידן דאַווענען נאָך, ווו יידן ווייסן נאָך ווו זיי האַלטן...

לאָרד רויטשילד זיצט נאָך אַ פאָר שעה אין יום כפור אין דער דיוקס פלייס שול, כאָטש זי איז חרוב און געבאָמבט, ווייל אין גאַנצן באַנקראָט איז זי נאָך נישט, — אונזערע יידן פילן זי אָן, — און ער, אפנים, אויך נישט. אין דער פאָרטוגעזישער שול, כאָטש זי איז געוואָרן געשווינט פונם „בליץ״ און באַלויכטן מיט אַלע אירע תרי״ג־ליכט, אָבער צו וועמען אַראָפצוקומען און זיך לאָזן באַוווּנדערן איז שוין נישטאָ. קומען שוין טאַקע נישט די האַר־בעלישאַס — אפילו נישט אין יום־כפור! זייער „טשיף ראַביי״, דר. גאון, שיקן זיי נאָך אפנים דאָך אַראָפ אין דער אויסגעליידיקטער, אָבער דאָך באַרימטער און ערשטער שול אין ענגלאַנד, צו קלאַפן דעם „על חטא שחטאנו לפניך״ בווייטשעפל...

אויך פילט זיך אַ ביסל אַן אַנדערער גייסט, אַ רירעוודיקערער און באַלעבאַטער (נישט נאָר ביים טאַנץ!) אין די יוגנט־„קלאַבס״, ווען עס קומען די הייליקע טעג.

די לאָנדאָנער יידישע קהילה ברויך נישט נאָר שטאָלץ צו זיין אויף איר ערשטן געבוירענעם אין ענגלאַנד, טשיף ראַביי, נאָר קען עס אויך גריילעך זיין אויף זייערע „סאָשעל־וואָרקערס״ צווישן די יוגנט דאָ. שאָו און ריטשאַרדסאָן — די קינדער פון די אָנגעפאָרענע דאָ, דער צווייטער דור, גיט שוין אַרויס אינטעליגענטע כוחות פון זיך מיט אַ יידישלעכן געפיל פאַר יידישער גייסטיקייט און געזעלשאַפטלעכקייט.

וגם באַרנעט דזשאַנער, זכור לטוב, דער באַקאַנטער אַדוואָקאַט און מ.פ., דער באַרימטער ציוניסט, ווי ער לויפט אַרום פון שול צו שול מיט זיין ציוניסטישן אַפיל — עס איז רירנדיק: על חטא שחטאנו לפניך בווייטשעפל...

צי די נשמה פון אונזער־איינס קאָן זיך נאָך ראַטעווען, באַקומען אַ תיקון, איז שוין אַ גרויסער ספק. און נאָך מער: צי דאָס נייע ווייטשעפל, וואָס הויבט אָן זיך צוריק אויפצובויען, מיט די נייע „בילדינגס״, צי איר יידיש אויסזען —

אויב אַזוינס וועט זיך סוף כל סוף אויסבילדן — צי עס וועט נאָך האָבן אַ צלם אלקים, געפינען זיין טאָן, אַרויסאַרבעטן זיך זיין עכטן נוסח, אין דעם איז שוין מער ווי צו ספקן און צו צווייפלען — עס איז שוין צו פאַרצווייפלען!

וואָרים, אַז אין דער פעסטונג פונם פרומען יידישקייט, אין דער מתנגדי־שער „מחזיקי־הדת" שול, האָט שוין דער חזן אין דער כל־נדרי נאַכט צו שמונה־עשרה דעם „על־חטאים"־רעפריין ביי די „על חטא" אויפגעזונגען און באַגלייט מיט אַלע מתפללים מיט דער מעלאָדיע פונם „פריפּעטשיק", שטעלן זיך שוין, אפילו ביי אַ וועלטלעכן יידישיסט, טרערן אין די אויגן — און נישט פרייד!

און אַז רבי שפּעטמאַן געזעגנט זיך מיט זיין געפּאַקטער שול פאַר נעילה צו זיין נסיעה קיין ארץ־ישראל, געפינט ער אויך נישט קיין אַנדערע מאָטאָ אין זיין נעילה־דרשה, מיט פסוקים און חז"לס, ווי דעם פאָלקס־ליד פערז: פאָרט אַ ייד קיין ארץ־ישראל, פאָרט ער מיט פאַרוויינטע אויגן — — —

וואָסער כאַאָס, וואָס פאַר אַ צעמישעניש אין אונזערע טענער, וואָסער סקאַרבאָווע תוהו ובוהו אין אונזער לעבנס ליד — אָ, וואָס פאַר אַ פאַרמישונג פון יוצרות!

און אפשר, ווער ווייסט: פאַרלירנדיק אונזער סקאַרבאָוון נוסח, אונזער רעליגיעזן ניגון, וועט דאָס וועלטלעכע ליד אונזערס, דאָס הייליקע יידישע פאָלקס ליד אונזערס, קומען צו הילף? אַז אין די שולן ברענען נישט מער די יום־כפור ליכט, אונזערע נשמה־פלעמלעך, — יענע קנייטלעך מיט וועלכע מ'האָט קברים אויסגעמאָסטן! — וועט אונזער „אויפן פריפּעטשיק ברענט אַ פייערל" אונז ליכטיק מאַכן מיט זיין מעלאָדיע; דאָס געזאַנג־געשריי, „דאָס שטעטעלע ברענט", איבערשרייען די אַפּיל־„ספּיטשעס", וואָס פאַרוואָכנדיקט אַזוי די כל־נדרי שעה?

יאָ, אונזער „גאָלדן־ציגעלע", אונזער „פאַווע־ליד" מיט חלף אויפן האַלדז, וועט מען „כשר מאַכן", אונזער הייליק יידיש פאָלקס ליד, וועט ווערן ווי שיר השירים פאַרן יידישן פאָלק — עס וועט ווערן דאָס הייליקע ליד פון דער שכינתא־בגלותא מיט „פאַרוויינטע אויגן" — — —

עס איז שוין אַ גרויסער ספק צי אונזער־איינס, אַ נשמה ארטילאית, וועט נאָך באַקומען אַ תיקון; קאָן נאָך געפינען זיין טאָן, זיין זיפץ; אָבער מתנות אַרויפצוברענגען, זיי צו לייגן אונטערן כסא הכבוד, קאָן מען נאָך דאָ געפינען לרוב, מער נאָך ווי דריי...

יאָ, ווי לאַנג מען קלאַפּט נאָך „על חטא" אין ווייטשעפּל, און דערצו נאָך מיטן ניגון פונם „פריפּעטשיק", וועט מען נאָך, על כל פנים, קאָן מען נאָך, דעם פאַרלוירענעם ניגון צוריקגעפינען — איז מען נאָך נישט קיין אָפּגעקלאַפּטע הושענה!

ניין, קיין „גאָלדענע קייט" וועט מען שוין דאָ נישט אויספלעכטן, אָבער ווי לאַנג דער עק פונם פאָדים איז נישט אָפּגעלאָזט, קאָן מען נאָך דעם פאָדים אויסדריוולען און צוריק אויפוויקלען דאָס אָרעמע שניידערישע פאָדים־קלעצל — דעם הערב פון יידישן ווייטשעפּל.



# נישט אזוי שארף ווי קורץ

## 1. אונזער טשיף ראבײ דר. בראודי

אונזער טשיף ראַביי, דר. ישראל בראודי, שיינט צו זיין אַ מענטש מיט אַן איינגעבוירענעם טאַקט־געפיל. פאָריקן יאָר אין דיוקס־פּלייס שול, זעענדיק ווי זיין ראש־השנה־פּרעדיק, אין אַ פיינעם „געפּאָלישטן" אָקספאָרד ענגליש, שפּיגלט נישט צוריק אין די אויגן פון זיינע צוהערער, האָט ער שוין זיין צווייטע דרשה געהאַלטן אין מאַמע־לשון. יידיש ווילט זיך נישט דווקא זאָגן — אויס דרך־ארץ צו אַ מרא דאתרא! — ווייל ס'האָט אַ ביסל אונטערגעהינקט גראַמאַטיקאַליש; אָבער מאַמע־לשון איז דאָך נישט שייך . . .

די אויגן ביים עולם האָבן יום־טובדיק אויפגעגלאַנצט: ס'ערשטע מאָל, אין דער געשיכטע פון ענגלישן יידנטום, ווי אַ טשיף ראַביי שטייט מיט דרך־ארץ פאַרן היימישן שול־ייד, נישט ווי סתם אַן אָפּישל, וואָס רעדט פון אויבן אַראָפּ, צי מען פאַרשטייט אים צי מען פאַרשטייט אים נישט; אַ שכר־יום, וואָס די יאַהודים־מנהיגים האָבן אים אַראָפּגעשיקט אין דער יידישער גאַס, צו באַווייזן זייער כוח . . . ס'ערשטע מאָל ווי אַ טשיף ראַביי שטייט און רעדט אַ „יידיש וואָרט" אין אַ שול צו יידן . . .

אפנים, אַז טאַקט אַליין גענוגט נאָך נישט, כדי צו קענען זאָגן „לא זה הדרך" צו אַן אויסגעטראָטענעם אָקס־וועג פון אַסימילאַטאָרישע יאַהודים מנהיגים, מען מוז שוין האָבן נאָך עפּעס . . . וואָרים היי־יאָר האָט שוין דער טשיף ראַביי געהאַלטן אַלע זיינע פּרעדיקן רק אין זיין פיינעם ענגליש, אָבער די לעצטע איז שוין געווען ביי אַ האַלב ליידיקע שול, וואָרים היימישע יידן, אפנים, האָבן דאָך נאָך אַ שטיקל דרך־ארץ צו זיך.

## 2. לעא קעניגס באזוך אין לאנדאן

לויט ווי ס'טראָגן זיך אַרום קלאַנגען, שוין זינט חדשים, געפינט זיך לעאָ קעניג אויף אַ באַזוך אין לאָנדאָן, אָבער אין ווייטשעפּל האָט מען אים נאָך נישט געזען. וועט מען דערפאַר מוחל זיין אַ ווייטשעפּעלער, וואָס ער איז שטאַרק חושד זיין קאָלעגע, אַז ער האָט אפשר גאָר עוקר געווען פון דער מדינה און ער דרייט זיך דאָ אַרום ווי אַ „נעלם", און דערפאַר באַווייזט ער זיך נישט פאַר אַ ייד אין די אויגן.

מאַלע, וואָס אין ענגלישן גאַזעט שרייבט זיך גאַנצע וווּנדורים איבער זיין קיניגלעכן פּאַלאַץ, איבער זיין פּאָסעסיע אויפן הר הכרמל . . . דאָ אַנימלט איז צוריקגעקומען אַ יידישער שרייבער פון ישראל און דערציילט, אַז ער איז דאָרטן אַ בירגערמייסטער . . . עס רעדט זיך אַנימלט, עס איז שוין אַריבער צוויי יאָר, און ער דרייט זיך נאָך אַלץ אַרום מיט זיינע לאָיאַליטעטן . . .

אָבער לעצטנס זעענדיק קעניגס אַרטיקל אין „דער גאָלדענער קייט", אין נומער 16, ווי קאַשמאַרן זיינען אים, רחמנה לצלן, באַפאַלן ווי ער האָט קוים באַטרעטן „מאה־שערים", הויב איך שוין אָן צו גלויבן, אַז קעניג קאָן טאַקע זיין אין לאָנדאָן, און דאָך נישט אַראָפּקומען קיין ווייטשעפּל, וואָרים אויך דאָ קאָנען אים נאָך, רחמנה לצלן, באַפאַלן קאָשמאַרן.

עס האָט אונז געפרייט צו הערן אונזער ליבן שזר אין דער ראָלע פון דעם אַמאָליקן רובאַשאָוו. מיט ברען און מיט פייער האָט ער געפלאַקערט ווי אַן אַמאָלקער מגיד, וואָס צעלייגט אויפן בעלעמער אַ געפעפערטן משל אויף אַלע טעלערלעך.

צוקומענדיק צום נמשל האָט מען ערשט דערפילט דעם טשאַד פון דעם חסידישן ברען, אַז עפּעס אַ לידער ביכל פון אַן עפּיגאָן פון אַן עפּיגאָן, אַ יוצא־דופן פון העלדערלין און פון געאָרגע, מוז מען לייגן צוקאָפּנס יעדער „מקשה לילד, ווי אַן „עזריאל המלך", להבדיל.

מסתם איז עס ווייל דער־אָ נייער „גאון" פון דער מאָדערנער העברעאישער פּאָעזיע, פון וועלכן רובאַשאָוו האָט אַזוי פייערדיק־פייערלעך גערעדט, איז אַן אײדעם פון מאַרטין בובער, און אויב דער שווער העלפט צו די דייטשע שווער־פּראָדוקציע, אַז מען זאָל זי שיקן קיין ישראל, פאַר וואָס זאָל דער איידעם נישט העלפן די ישראל פּראָדוקציע, אַז זי זאָל צעשפּרייט ווערן אין גלות?

וואָרים באמת, וואָס מאַכט עס אויס, וואָס לאָנדאָנער „זייאָניסטן" זיינען געהרגעט אויף דער עברי. מען קאָן דאָך אָנגיין דערווייל מיט טראַנספּאָרט עקספּאָרטן פון אַ 200־300 טאָן פון דעם אָ־מין קיין ענגלאַנד, פעלן דען דאָ מקשה לילדס, כ'מיין יידן וואָס זיינען שווער אויף דער עברי . . .

מען האַלט שוין ביי סתומת־הגולה פונם אייראָפּעאישן יידנטום, אפנים ווען מען מוז שוין די טויטע גלות־יידן, פאַר וועלכע מען האָט יאָרן־לאַנג פאַרמאוסט יידיש, — דאָס לעצטע ביסל האַרץ־דערקוויקעניש פון זייער לעבן! — לייגן שערבעלעך אויף די אויגן; עפּעס אַריינשטעקן אַ קמיעה בשעת גסיסה... אַזוי האַלטן שוין אַ סך „זייאָניסטן־טעאָרעטיקער! ביי אונזער התלהבותדיקן ליבן שעזר, דעם חסיד מבטן ומלידה, האָט עס זיכער גיכער צו טון מיט רבישער תורה, מיט מיסטיק...

די תורה מיט וועלכער אַ צווייטער משולח, מר. אַרגאָוו, האָט זיך דאָ אַרומגעטראָגן איז געווען רעאַליסטיש קלאָר צו מאַכן, אַז נצח ישראל איז שקר וכזב, אַן אויסגעטראַכט מעשה פון גלות יידן, און דער „אתה בחרתנו" איז אַ ליגן זייט ער עקזיסטירט.

אָבער וועגן דעם האָט ער, אַ גרויסער פּקיד ווי ער איז, נישט געמוזט ערשט אַליין זיך מטריח צו זיין און אַהערצוקומען אין דעם פינסטערן גלות אַריין. די הונדערטער סאַברעס, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום ווי סטודענטן, ווי „היברו טיטשערס" און סתם אויף פּיקאַדילי לערנען מיט אונז שוין די תורה די והותר.

(אויך אונזערע געבוירענע דאָ, כ'מיין אונזערע אייגענע בר־מצווה־סאַברעס דאָ, דרשענען אויך שוין שיין געגוג — אפשר נאָך אַ סך שענער . . .)

אפנים, אַז דאָס מקשה לילד פון ישראל האָט תמיד צו טון מיט „שני גויים בבטנך" — פון איין מפ"א־פּאַרטיי אַזעלכע שני הפיכים בנמשא אחד: אַזאַ טיף־חסידישן מיסטיקער און אַזאַ ערלעכן רעאַליסט מאַרקסיסט.





## אן א זכר און אן א קדיש

דער יידישער אַרבעטער־רינג אין עלי סטריט, וואָס איז זינט צענדליקער יאָרן געווען די גייסטיקע היים פון דער לאָנדאָנער יידישער אַרבעטערשאַפט, ווערט ליקווידירט!

די דאָזיקע „פּשוטע ידיעה", וואָס איז געוואָרן אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכער פועל־יוצא פון אונזער גייסטיקער און געזעלשאַפטלעכער חורבה אין דעם יידיש־פאַרמדברטן לאָנדאָן, האָט אַ שטאָך געטון אין האַרץ.

איך דערמאָן מיך אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה, ווען לאָנדאָן איז געוואָרן פאַרחושכט אַלס אַ סגולה קעגן די נאַצישע אַעראָפּלאַנען, האָב איך אין אַ האַרבסטיקן אָוונט פאַרבלאָנדזשעט אינם דאָזיקן יידישן אַרבעטער־רינג כדי צו זען, ווי אַזוי די יידישע אַרבעטער פאַרברענגען דאָרט זייערע פרייע אָוונטן. הגם איך האָב פון דעם דאָזיקן באַזוך געהאַט אַ זייער נישט אַנגענעמען איינדרוק (דער רוב געסט האָבן געשפּילט אין דאָמינאָ), האָב איך אָבער געהאַט אַ געוויסן דרך־ארץ פאַר דעם דריי־שטאָקיגן בנין, וואָס די אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטערשאַפט אין לאָנדאָן האָט אויפגעבויט פאַר די פּעניס און שילינגען פון זייערע פאַרדינסטן.

דער שרייבער פון די שורות איז נישט קיין בקי צו באַשרייבן די געשיכטע פון דעם לאָנדאָנער יידישן אַרבעטער־רינג און די אַנטשטייאונג פון דער יידישער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער־באַוועגונג אין ענגלאַנד. דאָס וועט געמאַכט ווערן פון אַ מער קאָמפּעטענטן שרייבער וועגן דעם ענין, אין קומענדיקן נומער „לשון און לעבן". אָבער דער פאַקט גופא, אַז די יידישע אַרבעטער־אינסטיטוציע, וועלכע האָט געשפּילט אַזאַ וויכטיקע און אַנטשיידנדיקע ראָלע אין דער געשיכטע פון דער היגער יידישער אַרבעטערשאַפט, ליקווידירט זיך, איז אַ שמערצלעכער און אַ ביז־גאָר טרויעריקער באַווייז, ווי אונזער לעבן דאָ ווערט צעברעקלט און צעקרישלט; ווי דער אַמאָליקער, אַזוי גלאָררייכער יידישער ווייטשעפּל־קוואַרטאַל, וואָס האָט געפורעמט דעם אַמאָליקן יידישן לעבנס־שטייגער אין דער מעטראָפּאָליע פון דער בריטישער וועלט־אימפּעריע, האָט מיט אַ קאַליידאָסקאָפּישער געשווינדיקייט פאַרענדערט דעם יידישן אויסזען און כאַראַקטער פון דעם דאָזיקן קוואַרטאַל. די נאַצישע באָמבאַרדירונגען האָבן פאַרטריבן דעם רוב פון די ווייטשעפּלער יידישע איינוווינער אין אַנדערע געגנטן, און זייער אָרט האָבן לעצטנס פאַרנומען נעגער, אינדיער און פון אַנדערע ראַסן, וואָס האָבן גרונטזעצלעך געענדערט דעם ספּעציפיש־יידישן אויסזען פון ווייטשעפּל און אָפּגעווישט, ווי נאָך אַ לאַווינע, די אַזוי כאַראַקטעריסטיש עמך'דיקע פאָלקסטימלעכקייט פון דעם באַרימטן יידישן קוואַרטאַל, וועמענס „שטיינער עס פלעגן אַמאָל ממש ריידן יידיש"; ווי די פּאָליציאַנטן פלעגן מיט דעם אומבאַהאָלפענעם יידישן אימיגראַנט ריידן אויף יידיש; אויפן פּאָסט־אַמט

פלעגט מען ריידן יידיש און אפילו די אונטערערדישע משתין־הייזלעך האָבן געהאַט יידישע אויפשריפטן פאַר דער „חשובער יידישער קליענטעלע“...

דאָס איז געווען ווייטשעפּל!

מיט אַ קוים 18 אָדער 20 יאָר צוריק, האָבן אין ווייטשעפּל געקיניגט דריי טעגלעכע יידישע צייטונגען. עס איז נאָך געשטאַנען דער גרויסער בנין פונם באַרימטן „פּאַוויליאָן“ טעאַטער, וואָס פלעגט אַריינגעמען אין זיין גרויסן אינגעווייד איבער 2,000 געסט. עס האָבן עקזיסטירט אָן אַ שיעור יידישע פאַריינען און אינסטיטוציעס, מיט אַ גאָר־גרויסער יידישער אַרבעטערשאַפט, וואָס הגם אומאייניק אין זייערע פּאָליטישע אַנשויאונגען, האָבן זיי אָבער געוווּסט אָפּצושאַצן דעם כוח און די באַדייטונג פון דער אָרגאַניזירטער יידישער אַרבעטערשאַפט.

אָט דער באַוווּסטזיין האָט זיי באַוויגן אויפצובויען דעם „אַרבעטער־רינג“, כדי צו האָבן אַן אייגענע געזעלשאַפטלעכע היים, אַ וואַרימען יידישן ווינקל, ווו די סביבה און דאָס לשון איז געווען יידיש און די פאַרשידענע אימפּרעזעס זיינען געווען יידישע. און מען מוז מודה זיין, אַז דער „אַרבעטער־רינג“ איז געווען דער שטאָלץ, נישט רק פון דער היגער יידישער אַרבעטערשאַפט, נאָר פונם גאַנצן יידישן ישוב אין לאָנדאָן.

* * *

די יאָרן זיינען געלאָפן און דער רוב פון די אַמאָליקע יידישע פּראָלעטאַריער האָבן מיט דער צייט זיך נישקשהדיק אַרויפגעאַרבעט. אַ סך פון זיי זיינען געוואָרן מייסטערס און די אייגנטימער פון גרויסע געשעפטן און אפילו פון פאַבריקן. די דאָזיקע יאָרן האָבן פאַר אַ גרויסן טייל פון זיי, מיט אַ חוש פאַר „ביזנעס“ און מיט אַ ביסל מזל און הצלחה אין זייערע וועסטל־קעשענעס, דערגרייכט אַ סאָציאַלן אויפשטייג מיט אַ מאַטעריעלן עשירות. מען האָט ביסלעכווייז פאַרגעסן אין די אַמאָליקע ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס וועגן דער „סאָציאַלער רעוואָלוציע“, וואָס איז פון אַן אוטאָפּיע געוואָרן אַ וואָרעווירקלעכקייט — פאַר זיי גופא...

די צאָל מיטגלידער פונם „אַרבעטער־רינג“ איז געוואָרן קליינער און קלייינער, ווייל דער סאָציאַלער שמעלצטאָפּ פון דעם אַרויפגעאַרבעטן „אָלרייטניק“ האָט פאַרלוירן דעם אינטערעס צו דער אַמאָליקער סביבה פונם יידישן האָראָפּאַשניק, וואָס האָט מיטגעהאָלפן אינעם אויפבוי פון דער חרוב־געוואָרענער „אַרבעטער־רינג“ אינסטיטוציע.

אַזוי איז דער נאַטירלעכער דרך אין אונזער לעבן און ס'וואָלט געווען אַן אומזין אימיצן צו קריטיקירן. מיר נאָטירן בלויז די פאַקטן אַלס אַ טרויעריקע ווירקלעכקייט, ווי די רייען פון אונזער אַזוי איינגעשרומפּענעם יידישן לעבן אין לאָנדאָן (און דער זעלביקער פּראָצעס גייט אויך אָן אין מאַנטשעסטער, לידז, גלאַזגוי און אין אַנדערע שטעט אין ענגלאַנד) ווערן קליינער און דאָס טרויע־



ריקסטע איז, אַז ס'זיינען נישטאָ קיין יורשים, וואָס זאָלן פאַרנעמען די ליידיק־געוואָרענע ערטער פון די יעניקע, וואָס האָבן דעזערטירט פונם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן; ס'איז נישטאָ קיין נאָכוווּקס, וואָס זאָל זיין פּייאיק צו המשכן אונזער לעבן.

יאָ, דער „אַרבעטער־רינג“ ליקווידירט זיך... דאָס הויז ווערט פאַרקויפט און די פּאָר געציילטע מאָהיקאַנער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאָנדאָן וועלן, אפשר, זיך צונויפקומען איינמאָל אין חודש, כדי צו באַהאַנדלען דעם סדר־היום פון זייער אומטעטיקייט...

אונטערגעגאַנגען אַ גרויסע יידישע אינסטיטוציע און נישט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין זכר און קיין קדיש!

„יתגדל ויתקדש“...

## ש. טענענבוים

### פּאַמפּיי

איך בין אין פּאָמפּיי קיינמאָל נישט געווען. נאָר איך האָב פּאָמפּיי באַשריבן אַזוי קלאָר און פּלאַסטיש אין אַ דערציילונג. די רויטע רואינען וואָס באָדן זיך אין לבנה־ליכט. די אָפּגעריסענע פרעסקאָס פון טויטע ווענט, וואָס לויכטן נאָך מיט אַ וווּנדערלעכער פרישקייט פון קאָליר. די רייצנדע בילדער אין די באָד־צימערן פון די רייכע לייט, ווען מענטש נאַקעטע קערפּערס פון פּאַר צוויי טויזנט יאָר צוריק איך זע ווידער ווי לעבעדיק. און דער נייגעריקער מאַרטירער־דענקער פּלוניוס שטייט ביים זייל פון פייער און לאַווע און ער פאַרצייכנט וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונגען מיט זיין ברענענדיקער האַנט און זיינע האָר זענקען זיך אין פייער. און די רוימישע פּאַטריציער שרייען ווילד אין ווייטיק פון די בראַנד־ווּנדן. די גאַנצע וועלט גייט איצט אונטער, מיינען די מעכטיקע פּאַטריציער. און אויפן ווינט פון פייער רייט דער מלאך המות, אין אַ פעלערינע פון פלאַמען, און זיינע טויזנטער בריליאַנטענע אויגן זען זיינע קרבנות און זיי לויכטן און בריען און בראַנדיקן. און גרינע גערטנער ווערן אין איין מאָמענט פאַרוואַנדלט צו אַש... עס גייט דער רויטער טויט איבער דער ערד, און וואָס נאָר זיין אָטעם באַרירט, שטאַרבט אָפּ, ווערט פאַרשטיינערט.

* * *

### די קינדער וואַרטן

די קינדער וואַרטן אויף זייער מאַמען, וואָס שלייכט אַ מידע איבערן וועג דעם קרומען, מיט געשוואָלענע פיס. איך דערמאָן זיך: אַזוי האָב איך אַמאָל, אַ קליין יינגל, געוואַרט אויף מיין מוטער ביים ברעג פון וואַלד, אין אַנגעצונדענעם זון־אונטערגאַנג... ווען זי פלעגט אָנקומען פון שטעטל, ווו זי האָט באַדינט איר שווינדזוכטיק־קראַנקע טאָכטער, חייעלע...

## א. נ. שטענצל

### אסיען־זון

נישט נאָר וויינען די וועלדער מיט זייער געוויאָן,
ווען אין זייער געצווייג עס גייט נידריק די זון;
ווי צאַרט־לייכטע אירע טריטלעך זאָלן נישט זיין,
איז דאָס בלעטער־געפאַל פון דיביימער — דערפון;

ס׳זיינען די וועלן דער מורמלשטיין פאַר איר שריט,
ווען אין אָסיען־געברויז זי וואַנדלט אויף זיי,
און דער ווייסער שוים, דער דינינקער צעשטויבטער,
אונטער אירע טריט דער אויפגעשטויבטער געוויי —

אַז וואָס זענען דען די וואָלקנדלעך, די לייכטע,
וואָס אָט צעבלאָזן זיי זיך, אָט בלייבן זיי שטיין?
ווי צווישן הימל און ערד גראַציעז שוועבנדיק,
איר שלאַנקער קאָפּ־געבייג, איר ענוותדיק גיין —

— — — — — — — — — —

עס איז דער וויאַנענדיקער וואַלד, דער צעשטאָרכטער,
איר גאָלד־ און זילבער־פעדעם געהאָפטענער שלעפּ,
ווען זי וואַנדלט אַזוי, וווּנדערלעך וויגנדיק,
איבער די ווייס־גלאַט־גרינלעכע מירמלשטיין־טרעפּ.

### א סעפטעמבער טאג

1

פריידיק־ציטערדיק פלאַטערט־פרירנדיק,
זומער־פייגעלע נאָך פון בלום צו בלום;
מיט נאַס־פליגעלע, איינגערעגנטן,
אַ בין מיט דין־הייזעריקן געזשום.

שנעל זיך איילנדיק, לוסטיק־שלענגלדיק,
פאַרקריכט זיך שוין אַ וואָרעם אין דער ערד,
געוווּסט ער וואָלט, פון זיין אינגעווייד
פריידיק־פאַרביק זומער־פייגעלע ווערט.

ווי שפינען פונקט שוועבנדיקע שוואַלבן,
פאַרוועבן די זון אין אַ וואָלקן־נעץ,
נישט אַראָפּפאַלן זי זאָל פאַרוויאַנעט,
אַ פאַרוועלקטע בלום אין בלאָטיקער נעץ.



2. (זונפאַרגיי)

אויפן בייכל פון דער פלאַטערדיקער שוואַלב
רויטלט זיך נאָך דער גלאַנץ פון זון־פאַרגאַנג,
אַ ציטער אין באַוועג פון אירע פליגל:
ס׳איז שפּעט שוין, דער וועג ביז אַהיים נאָך לאַנג;

אין ווינדיקן נעסט פרירן ווו די שוועלבלעך
און מיט אירן, די לעצטע — תמיד זי!
דאָס פוכיק־ווייסע בייכל אויפגעבלאָזן:
זאָל קיין טשוויטש נאָר נישט פאַרראַטן איר פלי.

עס פאַלט איר איין דאָס האַרץ, ווען זי הערט אַ טשוויטש,
לאָזנדיק זיך אין נעסטל שטיל אַראָפּ,
זי מיינט ס׳האָט זיך פון איר אַרויסגעריסן,
און באַהאַלט צווישן די פליגל איר קאָפּ.

### אויפגייענדיקע שטערן

ווו גייט „דער הימלישער לייב“ שטילן זיין דאָרשט?
ברילנדיק צום ברעג ים אַראָפּ יאָגט ער געשווינד!
פון זיין זופּ ברויז שטורמען די כוואַליעס אויף,
זיין צעפּלאָשעטע גריווע — די כמאַרע אין ווינט!

ערשט דאָס געברום, דאָסווילדע כראַקע געשנאָרך,
ווען דאָרשטיק „דער גרויסער בער“ נעמט זופּן דעם ים;
דאָס געפּריסקע פון זיינע נאָזדרעס און שנויץ,
אויף בייז ווונדער, זאַמלען זיי ד׳רוחות צוזאַם.

נאָר ווען „צווילינג“ צום ים גייט שטילן זיין דאָרשט,
טויכט פולע לבנה פון אַ וואָלקן אַרויס — —
יעדער טראָפּן, וואָס טריפט ביים טרינקען אַראָפּ,
ציטערט אין ים אַ שטערן, בלינקנדיק גרויס.

### צופלוס און אפפלוס

1

אַ גאַנצע נאַכט האָט געוואָיעוועט דער שטורעם,
די לבנה האָט זיך אין די וואָלקנס באַהאַלטן;
די וועלן ברויזן ווי אונטער מיין פענסטער שוין,
ווי זיי וואָלטן מיט כוח די ווענט געוואָלט צעשפּאַלטן.

נאָר איך האָב דאָך, ווען־ווו, דאָך געמוזט איינשלאָפן,
וואָרים ווי נאָר איך האָב געעפנט מיינע אויגן,
איז די זון געשטאַנען זיגעריש אין פענסטער,
און דער ים, ווי נאָך אַ שווערן שלאַכט — אָפּגעצויגן.

2

דאָס געטשוויטשער פון די שוואַלבן פאַר מיין פענסטער,
ליכטיק־לוסטיק געפלאַטער אין טויזנט קאָלירן;
דער הימל אַ צעפראַלטער, אַ צעשפיגלטער,
אַ קריסטאָל לאַבירינט מיט טויזנט פליגל־טירן.

האָרך, דאָס קראַנקע פישטשען אין מיינע געהירן,
מיט די שוואַלבן מיטצוזינגען ס'האָט אָנגעהויבן — —
ס'זיינען די וועלן פראַלנדיקע שפיגלען בלויז,
פון דער פליגל־טיר וואָס כסדר אָפן אויבן.

## אין לייכטן סעפטעמבער נעפל
### צוויי ים לידלעך

1

דאָס זעגל־שיפל אין לייכטן נעפל
ווי אין אַ שייבן־שענקל ס'וואָלט געשטאַנען
צוגערוקט נאָר ס'האָט זיך דאָס פאָרהענגל — —
נישט אַוועקגעשווימען עס איז פון דאַנען.

באַלד וועט זיך ווידער ס'זיידן פאָרהענגל
אויבן אַ ביסל בלויז פונאַנדעררוקן
און פון אונטער גלאָז אין שייבן־שענקל
וועט ס'זעגל־שיפל ווייטער אַרויסקוקן.

2

נאָר נישט געגענען, נישט צוגיין גאַנץ נאָנט,
די שייבלעך נאָך מיטן אָטעם באַהויכן;
עס באַוועגט זיך זיידן אַ פאָרהענגל
גלייך ווי פון וועלן ס'וואָלט עפּעס אויפטויכן —

אַ זילבערנע טאַץ גרויס ווי די זון,
אָן אַ הויכל אויף איר און אָן אַ פּלעקל,
באַלד וועט מען פונם בשמים־ביקסל דערזען,
דאָס טורעמל פעליגרין מיט גלעקל.

### דאָס זון־געזאַנג פון דער מעווע

אַז אַלע פייגל, ווען די זון גייט אויף,
באַזינגען גאָטס וווּנדערלעכע טבע,
ווי געוואַלטיק ערשט זי, ווי וווּנדערלעך,
די באַהערשערין פון ים, די מעווע.



ווי הערלעך איר געזאַנג מוז דאָס זיין,
ווער ווי זי זעט גאָטס וווּנדער נאָך גרעסער,
יעדן טאָג מעשה־בראשית זי זעט,
ווי גאָטס גייסט שוועבט איבערן געוועסער.

ווי געוואַלטיק ווי וווּנדערלעך! פון שרעק
דאָס געזאַנג עס ווערט איר אָפּגענומען — —
מיט פאַרמאַכטן אייגל די טויב אין נעסט,
קאָן זיך צעוואָרקען און זיס צעברומען;

מיט קעפל פאַרשטעקט צווישן די פליגל,
קאָן שוואַלב טרילערן צווישן די צווייגן,
זי אויג אויף אויג זעענדיק דאָס וווּנדער,
לאָזט זיך אין שרעק אַראָפּ אין שטיל־שווייגן;

אַ טראָפּעלע שוים זי ווערט, אַן עוקץ,
שאָקלענדיק זיך אַזוי מיט די וועלן:
מ'קאָן דען באַזינגען אַזאַ הערלעכקייט,
מיט וואָרקען־ברומען, מיט טשוויטשערן־טרעלן?

## ב ר א ש י ת

### 1. דער באַשעפער

אַז גאָט האָט זיך באַשאַפן אַזאַ שיין וועלטל,
מילא, וואָס פאַר וווּנדער, איז ער דאָך אַ גאָט,
אָבער וואָס האָט ער צו אונז שטויבעלעך געהאָט,
אונטער ערד־קיילעך־ראָד אויף זיין גנאָד און באַראָט.

„כציץ נובל, כצל עובר, כחלום יעוף“,
אַז נאָך וואָס איז דאָס גאַנצענע נויטיק געווען?
אפנים, די שוואַכקייט פון יעדן באַשעפער,
אַז דאָס וואָס געמאַכט ער האָט ס'זאָל עמעצער זען.

### 2. דאָס ווייב

אויסגעקומען זיך אַליין אַ מעשה אָנטון,
פון דעם אַלעם שיינעם וואָס אויף דער וועלט מען זעט;
וועלכע ווילדע זאַכן אַ גאָט קאָן אַלץ מאַכן,
אַז איין וואָרט בלויז אַרויסגערעדט און עס געשעט;

אָן איינציק ליים־ברעקעלע און אַ מענטש ער קנעט!
אָ, ווען נישט די ביטרע חוה, ווען נישט דאָס ווייב,
עס וואָלט דאָך חלילה קיין ענד נישט גענומען
און אויף דעם שיינעם וועלטעלע כאָטשביק אייביק בלייב.

מיט אַלע זיינע כוחות דער צוויי־פּיסיקער,
רייסט זיך צו אומשטערבלעכקייט און שטאַרבט פאַר דער צייט;
צו קענען זיך באַווייזן אין זיין הערלעכקייט,
אַלץ וואָס באַשאַפן צו פאַרטיליקן ר׳איז גרייט —

אַן אויסגעשטאָפּטער רויב־פויגל אָן אינגעווייד,
ווי הויך נישט דערהויבן, אַלץ טיפער ר׳פּאַלט אַראָפּ!
מיט זיין מוח־שאַרף שפּאַלט ער דעם הימל, די ערד־קויל,
און מיט טעמפּסטן האַק נאָך אייגענעם ברודערס קאָפּ.

## באחרית הימים

(צייט־סאַטירע)

1

פון בבל־טורעם, פון נח־תיבה,
ביז צום וואָלקן־קראַצער צום אונטערוואַסער־שיף,
נישט קיין ליכט־יאָרן — אַזויפיל פינסטערע! —
מיט מיילן־שטיוול, מיט טייוולשע אין דער טיף.

פונם מבול ביז צו דער וואַסער־באָמבע,
נישט צו דערגרונטעווען זיך צום תהומישן דנאָ;
נישט קיין טורטל־טויב מיט אַן אייל־בלאַט אין מויל
צוריק צו קומען, ווען שלאָגן עס וועט די שעה —

2

אַ ראָקעט מיט אַ וואַסער־באָמבע אין מויל,
אויטאָמאַטיש נאָך פליען אַהין און צוריק,
און ווייל אַלע מענטשן שוין זיין וועלן טויט,
וועט קיין איין מענטש נישט געהרגעט ווערן, צום גליק.

און געפלויגן אויף ווילאַנג אָנגעצויגן!
ווייסט ער דען וואָס געטון ער האָט, וואָס נאָך ער וויל?
און ווי גאָטס גייסט דעמלט אויף די וואַסערן,
שוועבנדיקער באָמבער מיט כאָלערע באַציל.

3

. . . . און ווען אַ נייע ליכטיקע וועלט וועט אויפשטיין,
און דאָרטן ווו געווען ס׳איז ברויזנדיקער ים,
וועט איינזאַם געבליבענער וואָלף אַרומבלאָנקען,
אַ מעקנדיק שעפּסל, אַ לאַם, מיט אים צוזאַם.



זיי ביידע פון אַ קינד, — פון אַ שלאַנג געזויגן! —
ווידער זיך לאָזן אַרומפירן ביי דער נאָז — —
און ביז כוח עס וועט זיין־ און וואָס צו פאַרציקן,
עס וועט דערווייל דער לייב ווי אַן אָקס עסן גראָז.

## אין א געסל דא

1

דעם פּלאַץ ווו איך בין געבוירן כ׳וועל מער נישט זען,
און נישט יענע שטיבל ווו וויגל מיינס איז געשטאַנען,
אָבער די ווערטער, מיינע ערשטע, מיין מאַמעס
אין די געסטלעך דאָ זיי ווערן נאָך אַלץ פאַרשטאַנען.

קייגנאיבער די פרוי, איר וואַקלדיקער גאַנג,
דאַכט זיך מיר אויסעט איך בין אין מיין שטעטל ווידער;
דער שאָקלדיקער קרעכץ פון מיין וויג איז נאָך אַלץ,
וויינענדיקער ריטם פון ווייאיקע מיינע לידער.

בלייב איך שטיין אַ ווייל, לאָז פאָראויס זי פאַרבייגיין,
האָרך מיך שטיל צו צו איר טריט, אַזאַ לייכטן ווייכן,
ווי מיין ווייי היימיש אייגן די ערד דאָ ווערט מיר,
דאַנקבאַר־ שעפּטשענדיק מיינע ליפּן בלאַס־פאַרבלייכן:

„אויב די קינדער דאָ מיין ליד קאָן נישט איינשטילן
וועט עס מאַמעס צו לעצטן רו־פּלאַץ כאָטש באַגלייטן“.
זי דרייט זיך אויס, איר בליק אַזוי מאַמעדיק גוט,
מיר דאַכט זיך מאַמע קוקט אויף מיר פון דערווייטן.

(יוסף הלל לעווי צום געזונט ווערן)

2

ווען עס האָט זיך דיר אויסגעדאַכט, אין יענער נאַכט,
אַז דו גוססט שוין, אַז דו האַלסט שוין ביים שטאַרבן,
האָט זיך פיבערדיק־ווילד פונם ווייסן קישן
גרוילעך אויפגעהויבן דיין געל־גלאַטער שאַרבן:

„מען זאָל מיך פאַרברענען, ווי די זעקס מיליאָן,
דאָס איז מיין לעצטער ווונטש וואָס איך וויל האָבן;
אויב פאַר זיי ס׳האָט ערד אַ שטיקל קרקע געקאַרגט
זאָל אויך מיין גוף אין איר נישט ווערן באַגראָבן“.

נישט שייך צו זאָגן אַ לעצטער ווילן,
נאָכן טויט אַ חילוק שוין, באַגראָבן פאַרברענען ?
לעבעדיקערהייט וואָס זיי האָבן געליטן,
ביים לעבעדיקן לייב אויסהאַלטן צו קענען.

זעסט דו מיין ליבער, און נישט אין ווילדן פיבער,
דאָס איז מיין לעצטער ווילן, וואָס איך וויל האָבן :
זייער ליידן וואָס לענגער אויסהאַלטן קענען —
ווי זיי ביים לעבן אין קבר דאָ באַגראָבן.

## א. מ. קייזער

## „כאפטאמאניע"

### אַ לעקציע אין יידישע כאַפּענישן

„כאַפּטאָמאַניע" איז אויף פּראָסט יידיש — כאַפּעניש. דאָס איז אונזערס אַ טיפּיטשנע אייגנשאַפט, וואָס שפּילט אַן אומגעהייערע ראָלע אין אונזער טאָג־טעגלעכן לעבן.

אמת, אַז דאָס כאַפּעניש איז ביי אַנדערע פעלקער אויך עפּעס אַן עניין, ווייל וואָס זאָלן זיי נעבעך טון, אַז עס איז בעוונותינו הרבים אַ וועלט פון בלויז כאַפּ־לאַפּ. אַלע כאַפּן און אַלץ ווערט פאַרכאַפּט — כאַפּן זיי אויך. עס איז אָבער אַ גרויסער חילוק פון אונזער כאַפּעניש ביז זייערס אַ כאַפּ, פון אונזערע כאַפּ־השגות ביז צו זייערע. סוף־כל־סוף, זיינען זיי דאָך גויאישע קעפּ, כאַמעס, איז זייער כאַפּעניש אויך אויף אַ כאַמעשן אופן.

ביי אונז וועט מען נישט פאַרכאַפּן קיין לענדער אָדער מענטשן. פּע, עס איז חולשי־חלשות ! פּאסקודסטווא ! עס איז גאָרנישט פאַר אונזער כבוד ! בכלל, איז עס גאָרנישט פּראַקטיש, מחמת לענדער און מענטשן דאַרף מען אויסהאַלטן. זיי האָבן אַ טבע צו עסן. היינט פון וואַנען זאָלן מיר עס נעמען, אַז מיר אַליין לייגן די ציין אויף דער פּאָליצע ? דערפאַר, כאַפּט מען ביי אונז אַזעלכע אַל־וועלטלעכקייטן, וואָס בעטן נישט קיין עסן. מיר כאַפּן אַזוינע רוחניותדיקע איי־ביקייטן, וואָס קומען אָפּ מיט אַ גאָרנישט, מיט שיע־פּיע. אויף אַזעלכע מיני־כאַפּענישן זיינען מיר גרויסע בריות, ממש מומחים, עקספּערטן. דאָס כאַפּן איז ביי אונז אַ שטענדיקער פּראָצעס. מיר זענען די פּערמאַנענטע און אייביקע כאַ־פּערס. אַזוי, אַז דאָס גאַנצע לעבן אונזערס איז אַ געכאַפּטס.

אַ ייד, אַז ער איז נאָך אַ קליין יידעלע, אַ פּיצלס, הייבט ער שוין אָן צו כאַפּן ; כאַפּט אַ פאַרקילונג, כאַפּט אַ שקאַרלאַטינע, כאַפּט עפּעס אויפן קאָפּ... כאַפּט אַ קאַץ פאַרן עק און כאַפּט א דראַפּ, כאַפּט שמיץ אין חדר און כאַפּט פּעטש אין דער היים.



גיט דאָס יידעלע אַ ניס, מאַכט די מאַמע : „אַ געזונט דיר אין די ביינער !" און אויב ס׳גיט דערנאָך צוויי ניסן, זאָגט שוין די מאַמע : „כאַפּט דיר דער רוח, האָסט שוין געכאַפּט אַ קאַטאַר !" . . .

און, אַז פונעם יידעלע ווערט אַ ייד, אַ באַלעבעסל, איז באלד ווי ער כאַפּט זיך אויף אין דער פרי, כאַפּט ער זיך גלייך אַרויס אין גאַס כאַפּן אַ פּאַרדינסטל. מילא, כאַפּט זיך, איז גוט. כאַפּט זיך נישט, כאַפּט ער אַן הלוואהלע, כאַפּט אַ גמילת־חסד, אַבי זי — דער „אוצר" וואָס ער האָט אַריינגעכאַפּט — זאָל אים ביי דער פּאָלע נישט אָנכאַפּן . . .

אַ ייד גייט נישט צו יענעם, נאָר ער „כאַפּט זיך צו" . . .

אַ ייד רעדט נישט צו יענעם, סיידן ער כאַפּט אים פריערט נישט אָן ביים לאַץ.

אַ ייד עסט נישט, נאָר ער „כאַפּט עפּעס איבער". ער נעמט עפּעס כדי דאָס האַרץ צו דערכאַפּן" . . . און כאַפּט ער עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט נישט געטאָרט כאַפּן — כאַפּט אים אָן דער בויך . . .

אַ ייד טרינקט נישט, נאָר „כאַפּט אַ גלעזל". טיילמאָל „כאַפּט ער אַריבער די מאָס" . . .

אַ ייד שלאָגט זיך נישט, נאָר כאַפּן כאַפּט ער קלעפּ . . .

אַ ייד גייט זיך נישט פּאָטאָגראַפירן, נאָר „גייט זיך אַראָפּכאַפּן" . . .

אַ ייד גייט נישט שפּילן אין קאָרטן — ער גייט „כאַפּן אַ קערטל" . . .

אַ ייד גייט נישט טאַנצן, נאָר אויף אַ שמחה „כאַפּט ער אַ טענצל" . . .

אַ ייד טוט נישט אָן זיין אויבער־בגד, נאָר ער „כאַפּט אויף זיך אַרויף די קאַפּאָטע" . . .

אַ ייד וועט סתם אַזוי נישט גיין אויף דער לופט, נאָר ער וועט גיין „כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט" . . .

אַ ייד לייענט נישט קיין בלאַט, נאָר „כאַפּט אַ קוק" . . . ער כאַפּט אויך אַ קוק אין יענעמס אַ ספר, אין יענעמס בריוו . . .

אַ ייד שלאָפט נישט, נאָר „ער כאַפּט אַ דרימל" . . . און שלאָפט ער שוין יאָ — כאַפּט ער זיך אויף . . .

אַ ייד, אַז ס׳האָט אים אָנגעכאַפּט אַ געגעץ ; ער געגעצט און געגעצט און קאָן נישט אָפּגעגעצן, זאָגט דאָס ווייב זיינס : „טפו, טפו, האָסט געכאַפּט אַ גוט־אויג !"

אַ ייד, אַז ער דערציילט דעם דאָקטאָר זיינע שלאָפקייטן, זאָגט ער : „אַז איך גיב זיך אַ בייג, כאַפּט מיר אָן דער קריזש, אַז איך גיב אַ טראָט, כאַפּט מיר די קני, אַז איך נעם עפּעס קאַלטס, כאַפּט מיר אָן די ציין און אַז איך קום אין געשעפט, כאַפּט מיר אָן דער קאָפּ" . . .

אַ ייד, אַז ער גייט אין טעאַטער, איז ראשית־כל פאַרכאַפּט ער אַן אָרט... און אַז דער בילעטיער זאָגט אים, אַז ער האָט פאַרכאַפּט אַ פרעמדנס פּלאַץ, כאַפּט ער פון אים דעם אמת פּסק . . .

אַ ייד דאַרף נישט קאָנען קיין נאָטן כדי זיך אויסצולערנען אַ ניגון — ער כאַפּט אים אויף . . .

אַ ייד האָט ליב כאַפּן פיש, נישט מיט אַ ווענטקע ביים וואַסער ווי אַ גוי, נאָר ווען יענער דערציילט עפּעס — „כאַפּט ער די פיש פאַר דער נעץ" . . .

אַ ייד ווערט נישט נתפעל, נאָר „ער כאַפּט זיך אָן ביים קאָפּ" . . .

אַ ייד האָט ליב צו כאַפּן אַ שמועס מיט אַ למדן, וואָס מען כאַפּט אים אָן, איז ער „אָנגעכאַפּט" . . .

אַ ייד האָט ליב זיך צו צוכאַפּן צום עמוד. דערביי האָט ער אימפּעריאַליסטישע צילן ; ער וואָלט וועלן פאַרכאַפּן דאָס „ברעטל", נישט בלויז צו יאָרצייט, נאָר דאָס גאַנצע קיילעכיקע יאָר.

אַ ייד וואָלט זיך אויך אַרויפגעכאַפּט אויף דער „יונגפרוי", נאָר זי איז פאַר אים אַ קאַפּעטשקעלע צו הויך — אינגאַנצן אַ קיימאַ־לן פון 13 טויזנט פוס און איז פאַררעכנט אַלס דער דריטער העכסטער באַרג אין דער שווייץ. באין־ברירה, כאַפּט ער זיך אַרויף אויפן בענקל פון גבאות.

אַ ייד, אַז ער זוכט זיך אָפּ אַן ערשט־קלאַסיקע אכסניא, וווּ מען דאַרף איי־גנטלעך שוין גאָרנישט כאַפּן — כאַפּט ער . . . פליי.

אַ ייד האָט זומער ליב זיך אַראָפּצוכאַפּן צום וואַסער, כאַפּן אַ קוק ווי די נשים באָדן זיך. אינאיינוועגס, כאַפּט ער אויך אַ שווים, כאַפּט אָן נישט־ווילנדיק אַ פּיסל אַ פּרעמדס און כאַפּט דערנאָך אַ נאַסן פּאַטש . . .

אַ ייד, אויב ער איז לאָ־עלינו „געכאַפּט אין דער מעשה", כאַפּט ער זיך אַמאָל אַרום מיט דער דינסט, און, אַז די פּלוניתטע זיינע, וואָס האָט זיך אויף אַ מינוט פון שטוב אַרויסגעכאַפּט, כדי עפּעס אין שטוב אַריינצוכאַפּן, כאַפּט אים אויף דער הייסער מינוט — כאַפּט ער דאַמאָלט דעם אמתן כאַפּ . . .

אַ ייד, אַז ער האָט טעכטער־בוגרתן, זאָגט ער צו זיי : „קינדער מיינע, כאַפּט זיך ערגעץ אַריין אין אַ טאַנץ־זאַל. אפשר וועט איר כאַפּן עפּעס אַ יאָלד, און עס וועט אויף אייך קומען אַן אויסכאַפּעניש !" נאָר קיינער וויל זיי נעבעך נישט אויסכאַפּן. עס כאַפּט זיי בלויז דער וואַטנמאַכער . . .

אַ ייד איז נישט קיין באַנקראָטניק — ער כאַפּט בלויז אָן . . . און מיט אַ גלייכווערטל : „אַז מען כאַפּט נישט אַריין, האָט מען נישט !" . . . און, אַז ער האָט שוין אומעטום אָנגעכאַפּט, און כאַפּט זיך, אַז ער האָט שוין נישט ווו צו כאַפּן, כאַפּט ער זיך אַריבער איבער דער גרעניץ, כדי די בעלי־חובות זאָלן אים ביים גאָרגל נישט אָנכאַפּן . . .

ער האָט, הייסט עס, זאָגן יידן, געכאַפּט אַזאַ בראָך ביז ער איז אַליין פאַר־כאַפּט געוואָרן . . .

אַ ייד איז אַזוי איינגעוווינט אין כאַפּעניש, אַז אפילו בעת ער גייט אַ גאַנג (אין שאַך) כאַפּט ער אים אויך צוריק . . .

און וואָס עפּעס בלויז אַ ייד ? אַ יידענע כאַפּט אויך ; זי כאַפּט אַראָפּ פון אירע יאָרן . . . כאַפּט אויפן מאַרק אַ מציאה, כאַפּט אַריין אַ שטיקל שטאָף אויף אַ קלייד, הגם זי דאַרף עס נישט. כאַפּט אַריין אַ „מוטל" מיט אַנדערע ווייבער,



כאַפּט אַ נאַש, און אַז זי איז אויף דער צייט — כאַפּט זי עפּעס זויערס, און גייט זי צו־קינד — כאַפּט איר אָן ווייען . . .

און זאָגט איר אַ יידן, אַז ער כאַפּט, האָט ער נאָך צו אייך אַ פּרעטענציע, אַז — איר כאַפּט ! אַז איר עסט מיט אַ יידן קוגל פון איין טעלער און ער כאַפּט, ווי ער קאָן נעבעך כאַפּן, שרייט ער : „וואָס כאַפּט איר, וואָס ? וואָס איז דאָס פאַר אַ מין כאַפּעניש ? — כאַפּט נישט !"

אַ ייד, אפילו אַז ער איז בלינד אויף ביידע אויגן, דערזעט ער אויך אַז יענער כאַפּט. עס האָט געטראָפן אַ מעשה, אַז צוויי קבצנים, וואָס גייען איבער די הייזער, — איינער אַ בלינדער און איינער אַ קרומער, — האָבן ביי אַ באַלע־באָס שבת געגעסן טשאָלנט פון איין שיסל. פלוצים, אינמיטן עסן, האָט דער קרומער — דער זעעוודיקער — געכאַפּט פונעם בלינדן אַ קנאַק איבער דער האַנט מיטן לעפל.

— וואָס שלאָגסטו זיך, וואָס ? דו בלינדער זולל־וסובא ! — האָט זיך דער קרומער צעשריגן.

— ווייל דו כאַפּסט אַזוי גיך ! — האָט דער בלינדער מיט כעס געענטפערט.

— ווי אַזוי זעסטו, אַז איך כאַפּ, אַז דו ביזט דאָך גאָר בלינד אויף ביידע אויגן ?

— איך דאַרף גאָרנישט זען — האָט אים דער בלינדער מסביר געווען — איך פיל שוין בחוש, אַז דו כאַפּסט, ווייל מה־דאָך, אַז איך כאַפּ אַזוי און דו שווייגסט, איז אַ סימן, אַז דו כאַפּסט נאָך מערער פון מיר.

אַזאַ כאַפּער איז דער ייד. ער האַלט אין איין כאַפּן. ממש ער ליידט פון כאַפּטאָמאַניע.

דאָס כאַפּעניש איז אים אַזוי אַריין אין די ביינער, אַז אפילו אין אַ שול, אין אַ מקום־קדוש, כאַפּט ער אויך . . . אַ „קדושה־ברכו", כאַפּט אַריין אַ קאַפּיטל תהלים, כאַפּט אַריין אַ „קדיש" און — כאַפּט־אָפּ דאָס דאַווענען.

און, אַז ער האָט שוין גאָרנישט וואָס צו כאַפּן, כאַפּט ער אויך עפּעס — ער כאַפּט שיריים ביים רבין, אָדער ער זיצט אין דער היים און כאַפּט פליגן.

איי, סאַראַ כאַפּעדיק פאָלק מיר זענען.

---

## אַ חברישער באַנקעט לכבוד 13 יאָר פון „לשון און לעבן"

די „פריינט פון יידיש לשון" האָבן דעם כבוד איינצולאַדן אַלע אונזערע לייענער, פריינט, יידישע שרייבער און קולטור־טוער פון לאָנדאָן צו אונזער באַנקעט, וואָס וועט פאָרקומען לכבוד דעם 13 יאָריקן „בר־מצווה" פון דעם זשורנאַל „לשון און לעבן".

דער באַנקעט וועט פאָרקומען ביי געדעקטע טישן דינסטיק, דעם 13־טן אָקטאָבער, 7.30 אָוונט אין אַדלער האָל", אַדלער סטריט, א.1.

אַ צאָל יידישע קינסטלער וועלן באַשיינען דעם אָוונט מיט געזאַנג און רעציטאַציעס. קורצע רעדעס און באַגריסונגען וועלן געהאַלטן ווערן פון פאַר־שטייער פון פאַרשיידענע יידישע אָרגאַניזאַציעס.

דער איינטריט איז 3/6.

יוסף פערלשטיין (ישראל)

## דער צפת׳ער מקובל

זיצט ר׳ שלמה־בער, דער צפת׳ער מקובל,
אין אַ ווינקל פון דער אַלטער שול פון דעם אר״י,
איבער אַ ספר, מיט אים די שטילקייט פונם שטיבל
און אין דער שטילקייט —
פראַגע־צייכנדיקער אייגן־גלי . . .

וווּנדערט זיך אַ ווײַלע מאַכט ער צו דעם ספר.
זיין בליק שטעכט איבער גרויע קדושה־ווענט.
לאַנג־לאַנג אַזוי. זיין בליק ווערט ברענענדיקער, שטייפער
און פּלוצים טוט ער אַ צעפּיר די אַלטע הענט :
— ווי קען זיין גוט ? . . .   ווי קען זיין גוט ? . . .
טראַכט ער הויך און איז פון עפּעס־וואָס פאַרוווּנדערט, —
טאָ וואָס שוין הייסט ביי זיי זיך גרויסן און מיט מוט,
און התפּעלות פון אַ צוואַנציקסטן יאָרהונדערט ? . . .

און וואָס טאַקע די סיבה דאָרט מיט אַ צוואַנציק ? —
פון זינט ווער ס׳האָט די וועלט געדענקט, וואָס האָט זיך דען געביטן ?
און צי איז אַ פאַרגלייך פאַראַן פון רבינס קאַנטשיק
ביז די יסורים היינטיקע פון אַ געליטן ? . . .

עפּעס טענה׳ן זיי דאָרט וועגן וועלטן אויסגעדרייטע
און „קונץ״ צי „קונסט״ — אַ לשון ניט געדאַכט זאָל׳ס ווערן ! —
פאַר קאָפּיקעס צו קריגן עס כמעט ביי יעדן שוטה,
ווייל — אויב אַ צימעס מאַכן פון אַ הימל־שטערן —

טאָ וואָס איז עפּעס מער פון וואָס עס לאָזט דער ספר דאָ צו שטראָפן ?
און ווו די מחיצה צווישן צדיק און דעם רשע ?
ווייל אויב ניט יראת־השמים — וואָס קענען העלפן פילאָזאָפן ?
און ווו דער וועג ? — איז טאַקע מיר די גאַנצע מעשה קשה . . .
— — — — — — — — — — — — —
זיצט ר׳ שלמה־בער, דער צפת׳ער מקובל,
אין אַ ווינקל פון דער אַלטער שול פון דעם אר״י,
איבער אַ ספר. מיט אים די שטילקייט פונם שטיבל
און אין דער שטילקייט —
פראַגע־צייכנדיקער אייגן־גלי . . .



ש. סימכאָוויטש (מאָנטרעאַל, קאַנאַדע)

## שלום אש

ווי לאַנג איז דען ווי ער האָט דאָרט געשפּאַנט
אַזאַ יונגער, טראַציקער און פרייער ?
גע׳ניגון׳ט האָט אין אים אַ ווונדערלעך געזאַנג
פון היימשטעט יידישע אין פוילן־לאַנד.
פון יענע שטעטלעך איבער גרויסשטאָט טראָטואַרן
נעגאַנגען זינגענדיק איז שלום אַש אַנטקעגן —
דער גרויסער פרייד פון פאָלק און זיינע שטילסטע צערן.

ווער האָט אויסגעזונגען שענער, שטאַרקער נאָך
דאָס קרוינלאַנד אונזערס ביי די שטילע ווייסל־ברעגן ?
דאָרט אין די הינטער־געסלעך האָט דער לעצטער שוסטערוק
געשפּינען אין אַ פראָסטן מיטוואָכדיקן טאָג
ווונדער־מעשיות וועגן שלום אַשן.

און ווער האָט שענער, אויסגעאיידלטער אין פיין
באַצירט די שוועסטער אונזערע מיט חן ?
די מאַמעס אָנגעטון דעם שכינהדיקן הויב
און אויסגעדימענדט אונזער טונקל־געטאָדיקע שויב ?

פון קוטנע ביז ניו־יאָרק, דורך וועלטס צעוויגטע וועגן,
אַרויסגעפּלייצט האָט איבער אַלע ביכער ברעגן
זיין ליריש גרויסגעזאַנג פון מאַמע, מענטש און ייד ;
און וויפל ער האָט נישט געגרייזט, געלאָפן אין דער פרעמדעניש,
איז ער אַלץ אונזערער, פון אונזער פלייש און בלוט !

*   *   *

ס׳איז אַלט אַצינדערט שלום אַש
און ווייט אַזוי פון אונזער שמאָלער גאַס . . .
אין נעכט אין איינזאַמע, פאַרלאָזן און אַליין
שפּילט, ווי אַ פידל ציטעריק, אים אַ געוויין.
און אין חלום, וואָס גייט אויף ווי ווייסער שניי
זעט ער ווידער זיי, הערט ער ווידער זיי —
געפורעמטע דורך אים, געשאַפענע דורך אים —
מיט טרערן פיבערט אויף זיין מידע ברעם ;
און ווי אויף יעקבס לייטער שטייגן זיי אַראָפּ —
די שמייסער־יונגען פון דער קוילער גאַס,
די שלומהלעך די איידעלע, געצערטלטע און בלאַס,

די תהלים־יידן איינגעהילט אין שוואַרצן זייד,
די טעכטער לויכטנדיקע — אונזער אויסגעהאַקטע פרייד...
...און אין דעם חלום פון וויי און פון טרערן
אַ שטומען געפּליסטער טוט ער דערהערן:
פאַרלאָז אונז נישט, מייסטער!
פאַרשעם אונז נישט, טרייסטער!

---

## ט ע א ט ע ר נ אָ ט י צ ן

דעם היי־יאָריקן ווינטער־סעזאָן וועלן מיר אין לאָנדאָן האָבן צוויי יידישע טעאַטערס, לאָמיר האָפן שטענדיקע, וואָס וועלן אַריינברענגען אַ געוויסע אויפלעבונג אין אונזער היגן יידישן לעבן.

דאָס יידישע טעאַטער, נישט געקוקט אויף זיינע שווערע אומשטענדן און באַדינגונגען, איז געווען און פאַרבליבן דער שטאַרקסטער כלי־זיין קעגן דער אַסימילאַציע־מגפה, וואָס בושעוועט דאָ אין לאָנדאָן, אין פּאַריז, ניו־יאָרק און אין די אַנדערע יידישע ישובים.

יידיש טעאַטער ווערט פון קיינעם נישט סובסידירט און איז אָנגעוויזן אויף זיינע אייגענע כוחות. פונדעסטוועגן פאַרמאָגט יידיש טעאַטער מער וויטאַליטעט, ווי די פּאַפּירענע רעזאָלוציעס פון כל־ערליי יידישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס (איינגעשלאָסן די באָארד אָף דעפּיוטיס), וועמענס „עדיוקיישאָן" פּראָגראַמען האָבן די ווערט פון אַ שמעק טאַבאַק. רעזאָלוציעס זיינען שטומע אותיות, וואָס קאָנען נישט ריידן און שרייען, ווערענד דאָס יידישע לשון, וואָס שפּרודעלט פון דער יידישער בינע (אפילו אין פּיעסן מיט וועמענס אינהאַלט מיר זיינען נישט תמיד מסכים), פאַרמאָגט אין זיך לעבן, יידיש לעבן, וואָס האָט זינט דורות אויסגעשטאַלטיקט אונזער יצירה.

* * *

דאָס „גרענד פּאַלעי" טעאַטער, אין קאָמערשעל רויד, אינם האַרץ פון אונזער „ווייטשעפּל", איז זינט 30 יאָר די „שטענדיקע היים" פונם יידישן טעאַטער אין לאָנדאָן און פאַר דער חברים־טרופּע, וואָס שפּילט דאָרט טעאַטער לערך 10 חדשים אין יאָר. קיין שום יידיש טעאַטער אויף דער גאָרער וועלט קאָן, צום באַדויערן, אין דעם וויכטיקן פּרט זיך נישט פאַרגלייכן מיט דעם היגן „גרענד פּאַלעי" טעאַטער. לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז יידיש טעאַטער איז נישט סתם אַ פּראָפעסיע, נייערט עס פאָדערט זיך אַ גרויסע מאָס פון ליבשאַפט צו דעם אַלגעמיינעם „אַרום־און־אַרום", וואָס הייסט יידיש טעאַטער, צו זיין ספּעציפישער סביבה און אַטמאָספערע.

די חברים־טרופּע פון „גרענד פּאַלעי" איז לכבוד דעם נייעם טעאַטער־סעזאָן פאַרשטאַרקט געוואָרן מיט דעם אַקטיאָרן־פּאָרל פון בוענאָס־איירעס, העני גערא און ראָזיטא לאָנדנער. ווינשן מיר זיי אַ סך דערפאָלג און הצלחה צו זייערע היגע גאַסטראָלן.

דער לאָנדאָנער „סטעמפּאָרד־היל" באַצירק, וואָס פאַרמאָגט, פּראָפּאָרציאַ־



נעל, אַ סך מער יידישע איינוווינער ווי „ווייטשעפּל", האָט ביז איצט נישט פאַרמאָגט קיין יידיש טעאַטער און טויזנטער יידן האָבן נישט געהאַט די געלעגנהייט צו געניסן דעם „זיסן טעם" פון אַ יידישער פאָרשטעלונג.

ס'איז בכן צו באַגריסן די איניציאַטיוו פון דעם אַקטיאָר יצחק קרעלמאַן, וועלכער האָט אָרגאַניזירט אַ טרופּע פון די, זינט יאָרן, אַרבעטסלאָזע יידישע אַקטיאָרן און אַקטריסעס פון לאָנדאָן, און עס איז פאַר זיי געשאַפן געוואָרן אַ שטיקל טעאַטער־היים אינם שיינעם „אַמהערסט פּאַרק האָל" (100 אַמהערסט פּאַרק, נ.16).

די דאָזיקע חברים־טרופּע האָט פאַר דעם נייעם סעזאָן אַנגאַזשירט די באַקאַנטע אַקטריסע זשעני לאָוויטץ מיט איר פּאַרטנער מ. מיכאַלאָוויטש און ס'איז צו האָפן, אַז זיי וועלן האָבן דעם פאַרדינטן דערפאָלג.

מיר ווילן דאָ זיך נישט אָפּשטעלן וועגן דעם רעפּערטואַר און די פּיעסן, וואָס וועלן אויפגעפירט ווערן אין די ביידע לאָנדאָנער יידישע טעאַטערס. דאָס איז אַ באַזונדערער ענין און מיר וועלן וועגן דעם זיך אָפּשטעלן ביי אַן אַנדערע געלעגנהייט.

דערווייל — אַ האַרציקן „שלום־עליכם" דער נייער חברים־טרופּע און זייט מצליח.

* * * * *

אינם היגן „עמבאַסי"־טעאַטער, אין סוויס־קאָטעדזש, האָט דער פאַרעקשנטער יידישער אַקטיאָר מאיר צעלניקער אָנגעהויבן מיט זיין שוין פון לאַנג פאַרפּיקסירטן פּלאַן, צו שפּילן יידיש טעאַטער אויף ענגליש. דאָס הייסט — פּיעסן פון יידישן לעבן, איבערזעצט פאַר דער ענגלישער בינע.

מיר דערמאָנען זיך, אַז נאָך מיט צוויי יאָר צוריק איז געמאַכט געוואָרן אַן ענלעכער עקספּערימענט, וואָס האָט טיילווייז נישט און טיילווייז יאָ זיך איינגעגעבן. די פּיעסע „דהי גאָלדן דאָר" (די גילדענע טיר) איז געשפּילט געוואָרן לערך דריי חדשים אין „עמבאַסי" טעאַטער און געהאַט אַ נישקשהדיקן מאַטעריעלן און מאָראַלישן דערפאָלג. אָבער אַנדערע פּיעסן פון דעם מין, מיט ישראל זאַנגווילס פּיעסע „דער קעניג פון די שנאָרער", וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אין דעם פּראָמינענטן „סעוויל־טעאַטער", האָבן געליטן אַ גאָר מיאוסן דורכפאַל. פאַרשטייט זיך, אַז די שולד איז נישט געווען פון צעלניקערן, נאָר צוליב אַ ריי אַנדערע סיבות.

ביי מיין גאַנצער פּאָזיטיווער איינשטעלונג צום יידישן טעאַטער בין איך געקומען צו דער פאַר מיר פיינלעכער מסקנא, אַז ס'איז פאַראַן אַ געוויסע נויטווענדיקייט פאַר דער אַסימילירטער, יידיש־ענגלישער יוגנט, צו געבן זיי פּיעסן פון אַ יידישן אינהאַלט, איבערזעצט אין ענגלישן לשון. אָבער איך בין אויך איבערצייגט, אַז פּיעסן ווי „ספּרינג סאָנג", וואָס ווערט איצט געשפּילט אין דעם „עמבאַסי"־טעאַטער, דערפילט נישט דעם צוועק און די אויפגאַבן, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאַר דאָס יידיש־ענגלישע טעאַטער.

ס'איז אַ גרויסער שאָד, וואָס מאיר צעלניקער האָט פאַרלאָזן זיין עמוד אויף די ברעטער פון דער יידישער בינע.

כפריני.

הערש שישלער (יאָהאַנעסבורג)

## 550 נומערן „דער שפּיגל“

אין אַמאָליק פּולסירנדיקן יידיש פּוילן, מיט אַן ערך 20 יאָר צוריק, זיינען אַריינגעפאַלן אין מיינע הענט עטלעכע נומערן פונעם ליטעראַרישן זשורנאַל „דער שפּיגל“ וואָס דערשיינט אין אַרגענטינע. די זשורנאַלן האָבן אויסגעזען אימפּאָזאַנט און געמאַכט אַ גוטן איינדרוק, הן מיט זייער אויסערלעכן אויסזען און הן מיטן רייכן אינהאַלט. דעמאָלט, אין דעם ים פון געדרוקטן יידישן וואָרט אין פּוילן, האָט דער דערמאָנטער „שפּיגל“ אָנגעזאָגט, אַז ער איז פון אַ בעסערער קוואָליטעט און האָט געוואונען דעם אינטערעס פון בעסרן יידישן לייענער.

פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר געפינענדיק זיך אין דרום אַפריקע, ווו דאָס געדרוקטע יידישע וואָרט האָט אַ שוואַכערע מערכה, ווי אין אַנדערע יידישע ישובים אין דער וועלט, אָפּגעזען פון אַמאָליקן יידישן פּוילן, איז דערפאַר ביז גאָר דערפרייענד יעדער דערהאַלטענער נומער „שפּיגל“, וואָס דערשיינט אין בוענאָס־איירעס אין משך פון פיר און צוואַנציק יאָר און האָט זוכה געווען צו זיין פראַכטפולן 500־סטן יובל־נומער.

ליגט פאַר מיר דער שיינער נומער 500 „דער שפּיגל“, וואָס זאָגט אָן אַ שטיק לעבן, וואָס איז געטריי און מיט ליבע אָפּגעהיטן געוואָרן לטובת דעם יידישן כלל. דאָס איז אַ ציכטיקע ליטעראַרישע אויסגאַבע, וואָס ווערט מיט גרויס מסירת נפש און אחריות אַרויסגעגעבן דורך זיין רעדאַקטאָר, דעם טאַלענטירטן שריפטשטעלער, מיט גרויסער ליבשאַפט זיינער פאַר יידיש לעבן, און יידישער ליטעראַטור — ר׳ לייבעלע גרוזמאַן.

דורכבלעטערנדיק דעם „שפּיגל“ איז צו זען, אַז דער זשורנאַל האָט מיט יעדן ניי־דערשינענעם נומער באַקומען מער אָנזען; צובאַקומען מערער און מערערע יידישע שרייבער איז געוואָרן חשובער און טייער דעם בעסרן יידישן לייענער. ווען מיר טוען אַ בליק אויפן נאָענטן עבר, נאָכן איבערלעבן די גרויסע מפּלות פון מאַמע־יידיש אין דעם וועלט־טייל, ווו דער שענסטער צווייג פון יידנטום איז גרויזאַם פאַרניכטעט געוואָרן מיט אַלע זיינע גייסטיקע אוצרות, איז דער „שפּיגל“ געבליבן ווי אַ טרייסט טריבונע פאַרן לעבן געבליבענעם יידישן שרייבער און יידישן לייענער.

עס קומט אַ ישר כוח פריינט גרוזמאַן פאַר זיין מיפולע הייליקע אַרבעט וואָס ער טוט. זיין שעפערישקייט שפּיגלט זיך אָפּ אין יעדן נומער „שפּיגל“, און די טאַלאַנטירטע פּען זיינע, לאָזט נישט אויס און פאַרשווייגט נישט קיין איין יידיש־געזעלשאַפטלעכן ליטעראַרישן ענין. זיין קריטיק איז איידל, דעליקאַט און מיט ליטעראַרישן שוונק אויסגעטייטשט.

מיט יעדן נומער „שפּיגל“ איז צו זען, אַז אַרום אים גרופּירט זיך אַלץ גרעסער די פּלעיאַדע פון יידישע שרייבער פון אַרגענטינע גופא, ווי אויך די אָנגעזעענסטע און באַוווסטע שרייבער פון אַלע ארבע פינות עולם. עס איז אויך דערפרייענד צו זען, ווי אויף די זעלבע עמודים פון „שפּיגל“, ווו עס דרוקן זיך די גרעסטע שרייבער, שפּיגלען אויך זיך אָפּ די שאַפונגען פון יונגע טאַלאַנטן.



יעדער נומער „שפּיגל“ ווערט אַרויסגעגעבן זאָרגפעלטיק, עס קומען דאָרטן צום אויסדרוק מיינונגען און אידעען, און עס שפּיגלט זיך אָפּ יידיש לעבן פון אַלע תפוצות און אויך פון מדינת ישראלן. פּונקט ווי גרוזמאַן, דער רעדאַקטאָר פון „שפּיגל“, וואָס ווייזט אַרויס גרויס ליבשאַפט צום יידישן וואָרט, צו יידיש לעבן, אויך נישט ווינציקער ווייזט ער אַרויס זיין גרויסע ליבע און אינטערעס צו מדינת ישראל.

אין דער היינטיקער, באַשווערטער צייט, וואָס דאָס געדרוקטע יידישע וואָרט לעבט איבער, איז דערפרייענד צו פאַרצייכענען דעם יום טוב פון 500 נומערן פון אַ ליטעראַרישן זשורנאַל, אַ דאַנק דער עקשנות פון רעדאַקטאָר און זיין מוטיקן קאַמף במשך פון קרוב אַ פערטל יאָרהונדערט, האָט ער זיין שליחות דערגרייכט, ער האָט געזאָרגט און אָפּגעהיטן די הייליקע טראַדיציע פון קיום און המשך פון יידישן וואָרט און יידישער ליטעראַטור.

דער נומער 500 „שפּיגל“ באַווייזט אַן איבעריקן מאָל, די גרויסע ליבשאַפט און צוגעבונדנקייט צו יידיש און יידיש לעבן. עס בלייבט נאָר צו ווינטשן, אַז יענע ליבשאַפט און עקשנות פון פריינד גרוזמאַן זאָל קיינמאָל נישט געמינערט ווערן, און נאָך מער געשטאַרקט ווערן און ער זאָל זוכה זיין צו דערלעבן די יום טובים פון די נומערן 1,000 און מער, פון זיין און אַלעמענס באַליבטן זשורנאַל — „דער שפּיגל“.

---

עס געפינט זיך אין דרוק און דערשיינט די טעג אַ ניי בוך פון הערש שישלער, א.נ. „קרומער שפּיל“, הומאָר און סאַטירע. דאָס בוך ווערט שיין אַרויסגעגעבן, פאַרזען מיט קינסטלערישע צייכענונגען, געדוקט אויף גוטן פּאַפּיר און ענטהאַלט 160 זייטן.

דער פּרייז פון בוך איז 2 און אַ האַלבן דאָלאַר, פּאָסט פריי.

באַשטעלט דאָס בוך ביים מחבר אויפן אַדרעס:

H. SHISHLER, P.O. Box 7690, Johannesburg, South Africa.

---

## יידישער ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַריין אין לאָנדאָן

מיר האָבן דעם כבוד מודיע צו זיין אונזערע קאָלעגן און פריינט, אַז מיר באַגייען אונזער קולטור־טעטיקייט מיט אַ רעפעראַט פון דעם גייסטרייכן שרייבער און פּעליעטאָניסט, **אברהם שולמאַן** פון פּאַריז, א.ד.ט.

### „הומאָר און דיקטאַטור“.

דער רעפעראַט וועט פאָרקומען זונטיק, דעם 11־טן אָקטאָבער, 5 נאָכמיטיק אין אונזער לאָקאַל, „באַרקלעי הויז“, 783 פינטשלי רויד, גאָלדערס גרין (נעבן דעם „ריגעל“־סינעמא).

קאָלעגע שולמאַן וועט אויך פאָרלייענען עטלעכע פּעליעטאָנען פון זיין נאָר־וואָס דערשינענעם בוך „געלעכטער אין דער נאַכט“.

מיר דערוואַרטן אַ צאָלרייכן באַזוך.

טיי מיט לעקעך ווערט סערווירט.

# דער בוים פאַר מיין פענצטער

(שטימונגען)

פון **רחל מירסקי**

מיט אַ סך יאָרן צוריק, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל דעם בוים געזען, האָב איך מיט באַגייסטערונג אויסגערופן: „וואָס פאַר אַ וווּנדערלעכער בוים עס שטייט קעגנאיבער אונזער פענצטער!"

דורך די אַלע לאַנגע, גוטע און שלעכטע יאָרן האָב איך מיך געפרייט, ווען איך האָב אויף אים געקוקט. אין אַלע גרעסטע געפאַרן איז ער געשטאַנען אומבארירט. די השגחה האָט אים אַלע מאָל באַשיצט. אין אַלע צייטן פון יאָר איז ער געווען שיין אין זיין מעכטיקער גרויסקייט.

ווען די טעג זיינען נאָך געווען קאַלט און ווינטערדיק, האָבן שוין זיינע צווייגן אָנגעהויבן אַרויסצושפּראָצן מיט קליינע, דינע קנאָספּן, וואָס האָבן זיך געריסן אַרויף צום הימל.

אין די ערשטע פרילינג־טעג, ווען די קנאָספּן זיינען אַביסל גרעסער געוואָרן, האָבן זיי אָנגעהויבן צו עפענען זייערע קליינע ליפּעלעך, מיט אַ שמייכל צו דער זון. ווען עס זיינען געקומען די לענגערע פרילינג־טעג און די בלעטלעך זיינען נאָך גרעסער געוואָרן און געווען העל־גרין, האָבן די שפּיצן, וואָס זיינען נישט געווען אָפּן, געהאַט אַ ווייסן זילבער שימער, און די צווייגן האָבן אויסגעזען ווי זיי טראָגן קליינע בינטלעך העל־גרינע בלומען אַנטקעגן צו דער זון. ווען די זון־שטראַלן האָבן דורכגעשיינט די, פון ווינט לייכט באַוועגטע צווייגן, האָט עס אויסגעזען ווי זיי פירן אויס אַ טאַנץ אויף דעם ברייטן טונקל־גרויען בוים קערפּער. נאָך דעם העל־גרינעם פרילינג זיינען זיינע בלעטער געוואָרן טונקל־גרין און קיל.

אין די פאַרטאָגן האָב איך געהערט דאָס געזאַנג פון פייגל. אין מיטן טאָג, ווען די זון האָט געשיינט, און עס איז געווען וואַרעם, האָט מען געהערט דאָס וואָרקן פון פאַרליבטע טויבן, וואָס זיינען געזעסן אין זיינע געדיכטע צווייגן.

שפּעט אין זומער, ווען זיינע צווייגן מיט אַ ביסל פאַרשטויבטע בלעטער וואָס האָבן אויסגעזען ווי אַ ווייסער טוי וואָלט אויף זיי געלעגן, האָבן געטאַנצט מיט פרייד ווען אַ רעגן האָט זיי אָפּגעוואַשן, און דער הימל האָט זיך געשפּיגלט אין זייער גרינעם גלאַנץ.

אין הערבסט, ווען דער בוים האָט לאַנגזאַם אָנגעהויבן אויסטון זיין גרינעם בלעטער מאַנטל און זיך אָנגעהויבן פאַרפּוצן אין אַנדערע קאָלירן, וואָס זיינען געווען אַ געמיש פון געלע, ברוינע און קופּער פאַרביקע בלעטער, און אויף מאַנכע צווייגן האָט מען געזען אַריינגעפלאָכטן אַ רויט בלעטל. האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז דער בוים וויל זיך נאָך שענער מאַכן.

* * *

ווען די טעג זיינען קורצער געוואָרן און די אָוונטן לענגער און עס האָבן געבלאָזן ווינטן, האָט דער בוים אָנגעהויבן פון זיך אַראָפּוואַרפן זיינע בלעטער־קליידער. די קליידער זיינען געלעגן ביי זיינע פיס און דער ווינט האָט זיי צו־



טראָגן איבער דעם גאַנצן אַרום. ווען די נעכט זיינען געוואָרן לאַנג, דאַמאָלט האָב איך אים באַוווּנדערט אין זיין נאַקעטקייט, מיט זיינע אויסגעשטרעקטע דיקע צווייגן הענט. איך האָב געוווּסט, אַז ער וועט איבערקומען יעדעס וועטער; אַז זיין שטאַרקער קערפּער טראָגט אין זיך אַ סך קראַפט און וואַרעמקייט. עס האָט אויסגעזען, אַז ער איז שטאָלץ צו קענען ווייזן זיין נאַקעטע שיינקייט און קראַפט.

* * *

נישט ווייט פון אים שטייען צוויי ביימער שוועסטערן, אפשר גאָר צוויי יונגערע ברידער זיינע? זיי שטייען אָנגעלענט אָן די הייזער, און ווייל זיי האָבן פאַרשטעלט די זון פאַר די פענצטער פון די בנינים, האָט דער בוים אָפּט געזען ווי מען שניידט זייערע צווייגן. דאָס האָט אים זער באַרירט, און ער האָט זיי געוואָלט טרייסטן, אויסציענדיק די צווייגן־הענט צו זיי, און אפשר האָט ער זיי גאָר געוואָלט באַשיצן? ער איז געווען אַרומגעצוימט. האָט ער מיט דער מעכטיקער קני זיינע דורכגעבראָכן די פאַרצוימונג און מיט די טוץ איינגעגראָבענע פינגער פון די פיס אין דער ערד, האָט ער מיט כוח זיך גערוקט צו זיינע אייגענע, אַז מען האָט פאַר אים מורא געקריגן און עס איז געמאַכט געוואָרן אַ פאַרשווערונג קעגן זיין לעבן.

* * *

ווען איך האָב פונאַנדערגערוקט די פאָרהאַנגען פון מיין פענצטער, האָב איך באַמערקט אַ באַוועגונג אַרום דעם בוים, וואָס האָט מיך געמאַכט ציטערן. פרעמדע מענטשן זיינען אַרום געשטאַנען. מאַנכע פון זיי אין לעדערנע קליידער, מיט העק און זעגן און דיקע שטריק. אַנדערע האָבן געקלעטערט אויף זיינע צווייגן און דער בוים האָט געציטערט פון זייער באַוועגונג אויף אים. פּלוצים האָב איך דערהערט דאָס גערויש פון זעגן. איך האָב דערפילט אַ ציטער איבער מיין גאַנצן קערפּער און בין אַוועק פון פענצטער.

אין מיטן טאָג, ווען אין דרויסן איז שטיל געוואָרן, האָב איך ווידער אַרויסגעקוקט. דער בוים־ריז איז שוין געשטאַנען ביז צום גאַרטל אַ נאַקעטער... זיינע שטאַרקע הענט מיט די וווּנדערבאַרע לאַנגע פינגער זיינען געווען אָפּגעשניטן. די מאַסע קליינע דינע צווייגלעך, וואָס זיינען געבליבן אויף דעם שפּיץ בוים, האָבן אויסגעזען ווי האָר, וואָס שטייען פון שרעק! די מענטשן, וואָס האָבן אויף אים אַרומגעקלעטערט, האָבן אויסגעזען זער קליין, און מיט אַמאָל האָבן זיי פאַרוואָרפן אַ דיקן שטריק אַרום זיין שטאַרקן האַלז. זיי זיינען געזעסן אויף די אַקסלען פון וועלכע מען האָט פריער די הענט אָפּגעשניטן, און אָנגעהויבן דורכזעגן דעם האַלז פון בוים...

* * *

איך בין אַוועק פון פענצטער טיף גערירט און האָב געהאַט טרערן אין די אויגן. אין דעם מאָמענט האָט זיך מיר אויך געדאַכט, אַז איך הער אַ פאַרשטיקטן יאָמער פון די צוויי ביימער־שוועסטערן, אָדער יונגע ברידער זיינע, וואָס שטייען אַנטקעגן דעם אומגעבראַכטן בוים־ריז...

## די יידישע פּרעסע אין דער וועלט אין ציפערן

אין אַן אויסגאַבע פון לאָנדאָנער קולטור דעפּאַרטמענט ביים יידישן וועלט־קאָנגרעס, האָט יוסף פרענקל פאַרגעבראַכט אַ רשימה פון אַלע יידישע צייטונגען, וואָכנטלעכע, און חודשלעכע אויסגאַבן וועלכע דערשיינען אין אַלע וועלט־טיילן. די דאָזיקע, אַזוי פון אויבן אויף טרוקענע אַדרעסן־אָנווייזונג, מיט נעמען פון יידישע אויסגאַבן, ווען מען זאָל זי אָרדנען לויט לענדער און קאָנטינענטן באַקומט זיך אַ זייער אינטערעסאַנטער סטאַטיסטישער מאַטעריאַל.

אַן איינפאַכע צוזאַמענשטעלונג פון נעמען פון צייטונגען ווייזט אונז, אַז עס ווערט אַרויסגעגעבן אין דער גאַנצער וועלט 625 יידישע צייטונגען און זשורנאַלן, צעשפּרייט אין די פאָלגנדע קאָנטינענטן: אַפריקע, אַזיע, אויסטראַליע, אייראָפּע, דרום, צפון און מיטל אַמעריקע.

אין דער ציפער זיינען איינגעשלאָסן טאָג־צייטונגען, וואָכנבלעטער און חודש־זשורנאַלן, און אויך אומרעגלמעסיקע אויסגאַבן.

די 625 פּרעסע־אָרגאַנען דערשיינען לויט אַזאַ סדר:

ישראל, 157 צייטונגען און זשורנאַלן. פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע — 197 צייטונגען און זשורנאַלן. אַלע אַנדערע לענדער 271 צייטונגען און זשורנאַלן.

אין פאַרגלייך מיט דער יידישער באַפעלקערונג אין די דריי לענדער־גרופּן, באַקומט זיך פאָלגנדיקע סטאַטיסטיק:

ישראל מיט אומגעפער 1,500,00 יידן, 1 יידישע אויסגאַבע אויף 9 טויזנט נפשות; די פאַראייניקטע שטאַטן מיט אומגעפער 5 מיליאָן יידן, 1 יידישע אויסגאַבע אויף 25 טויזנט נפשות. אין די אַנדערע וועלט־טיילן מיט 3,500,000 יידן, 1 יידישע אויסגאַבע אויף 13 טויזנט נפשות.

פון די 625 יידישע פּרעסע אָרגאַנען זענען געשריבן: 87 אין דער יידישער שפּראַך, 536 אין דער שפּראַך פון די לענדער אין וועלכע זיי דערשיינען.

העכסט אינטערעסאַנט איז די סטאַטיסטיק וואָס שייך ישראל. פון די 157 צייטונגען און זשורנאַלן דערשיינען: 11 אין יידיש, 12 אין ענגליש, 8 העברעאיש און ענגליש, 7 אין דייטש, 12 אין פאַרשידענע שפּראַכן, ווי רומעניש, אונגאַריש, פּויליש, א.א.וו. און 107 אין העברעאיש, אין דער נאַציאָנאַלער לאַנדעס־שפּראַך.

פון די 197 פּרעסע־אויסגאַבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן זענען 29 אין דער יידישער שפּראַך און די אַנדערע 168 דערשיינען אין ענגליש. (צווישן זיי אייניקע אין דייטש).

באַזונדערס אינטערעסאַנט איז די סטאַטיסטיק בנוגע דער יידישער פּרעסע אין די לאַטיין אַמעריקאַנישע לענדער. עס דערשיינען 57 יידישע צייטונגען און זשורנאַלן וועלכע ווערן פאַרטיילט פאָלגענדעס:

אַרגענטינע 23, מעקסיקאָ 14, אורוגוואַי 7, בראַזיל 5, טשילע 3, קובאַ 2, קאָלאָמביאַ 1, פּערו 1, ווענעזועלאַ 1.

אין פאַרגלייך מיט דער יידישער באַפעלקערונג אין די אויבן דערמאָנטע



לענדער, וועלכע ווערט געשאַצט אומגעפער אויף 650 טויזנט יידן, קומט אויס איין צייטונג אויף 11 טויזנט נפשות.

פון די 57 צייטונגען און זשורנאַלן וואָס דערשיינען אין די לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער, זענען געשריבן: אין שפּאַניש 31, יידיש — 18, יידיש און שפּאַניש — 4, אין דייטש — 4.

די ציפערן קענען נישט זיין אַבסאָלוט גענוי, ווייל מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז דער חשבון וועגן דער יידישער באַפעלקערונג איז געשאַצט אויף השערות. נאָך וויניקער קען עס געבן אַ קלאָרן בילד וועגן דער באַדייטונג און איינפלוס פון דער יידישער פּרעסע, וואָס שייך שפּראַך, ווייל אין דער סטאַטיסטיק ווערט נישט אָנגעגעבן די צאָל עקזעמפּליאַרן פון יעדע צייטונג און זשורנאַל. דאָס קען ערשט דערגרייכט ווערן ביי אַ גענויער סטאַטיסטיק, וו עס זאָל אויך פיגורירן די צאָל לייענער פון דער יידישער פּרעסע און אין באַצוג צו די שפּראַכן אין וועלכע זי דערשיינט.

---

## יידישע טעאַטער-נייעס

אַמעריקע

דעם קומענדיקן סעזאָן וועלן אין ניו־יאָרק זיין טעטיק די פאָלגענדיקע דריי יידישע טעאַטערס:

דעם „פּאַרקוועי־טעאַטער“ אין ברוקלין, האָט איבערגענומען דער באַקאַנטער יידישער אַקטיאָר מנחם רובין. לכבוד דער פּרעמיערע איז אויפגעפירט געוואָרן קאַלמענאָוויטשעס אַ פּיעסע „אין יעדער היים“.

אירווינג דזשייקאָבסאָן און עדמונד זאַיענדאַ, זיינען געוואָרן די דירעקטאָרן פונם „סעקאָנד עוועניו טעאַטער“. אין זייער טרופּע נעמען אַנטייל: מרים קרעסין, לוסי גערמאַן, בערטאַ גערסטין און מיני סערעבראָף. דאָס טעאַטער האָט זיך געעפנט מיט לואי פריימאַנס פּיעסע „די צווייטע חתונה:.

דאָס „נייע יידישע טעאַטער“ אויף בראָדוויי, אונטער דער דירעקציע פון דער אַקטיאָר און רעזשיסער יאָנאַס טורקאָוו, האָט אָנגעהויבן דעם סעזאָן מיט דער פּיעסע „אַ הויז אויף גרענד־סטריט“ פון דער באַקאַנטער דיכטערין קאַדיע מאָלאָדאָווסקי.

פּאַריז

דער אַקטיאָרן פּאָרל זלמן קאָלעשניקאָוו און רעגינאַ גליקמאַן, וועלן דעם סעזאָן שפּילן יידיש טעאַטער אין „אַנטרעפּאַ“ — דערווייל יעדן זונטאָג. די דערעפענונגס־פאָרשטעלונג פון דער פּיעסע „די מוזינקע אויסגעגעבן“, האָט געהאַט אַ נישקשהדיקן דערפאָלג.

פּוילן

די וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע“ איז מודיע, אַז אינגיכן וועט אינם יידישן מלוכה־טעאַטער אין וואַרשע פאָרקומען די פּרעמיערע פון דער פּיעסע „מאיר עסאָפאָוויטש“ פון דער באַקאַנטער פּוילישער שריפטשטעלערין עליזאַ אָרזשעשקאָוואַ, אויפגעפירט פון דער יידישער אַקטריסע אידאַ קאַמינסקאַ.

# פאַרשידענע קולטור-נייעס

## א דובנאָוו-הויז אין בוענאָס-איירעס

די 4־טע קאָנפערענץ פון דער אַרגענטינער אָפּטיילונג פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין בוענאָס־איירעס מיטן אַנטייל פון 140 דעלעגאַטן, האָט באַשלאָסן צו בויען אַ קולטור־הויז אויפן נאָמען פון דעם יידישן היסטאָריקער פּראָפעסאָר שמעון דובנאָוו, ע״ה, וואָס איז פאַרפייניקט געוואָרן אין ריגע דורך די נאַצים.

דאָס קולטור־הויז וועט האָבן אַ זאַל פאַר יידישע טעאַטער־פאָרשטעלונגען, אַ געזעלשאַפטלעכן קלוב און זאַלן פאַר אַנדערע יידישע קולטור־אונטערנעמונגען.

די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען אַ ריי מיט רעזאָלוציעס, צו שאַפן אַ עקספּערימענטאַלן טעאַטער פאַר דער יידישער יוגנט; סטימולירן יידישע נגינה אין דער היים און אין דער עפנטלעכקייט דורך איינאָרדנען סיסטעמאַטישע אָוונטן פון יידיש געזאַנג, דורך שאַפן יוגנט־כאָרן, וכדומה.

* * *

דער דיכטער ישראל אשנדאָרף, וואָס האָט די לעצטע 5 יאָר געוווינט אין פאַריז, האָט זיך באַזעצט אין אַרגענטינע. די דאָרטיקע יידישע טאָגפּרעסע, וואָכנבלעטער און זשורנאַלן, האָבן דעם דיכטער באַגריסט מיט אַ האַרציקן ברוך־הבא.

* * *

אונטער דער רעדאַקציע פון צבי בראָנשטיין, פּנחס ערליך און שמואל צעסלער איז דערשינען דער ערשטער נומער פון „יידישע דערציילונג“, צייטשריפט פאַר שול און היים.

* * *

## י. ל. פּרץ-פּרעמיע

פאַר דער בעסטער יידישער דראַמע

דער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור קאָנגרעס האָט מיט צוויי יאָר צוריק עטאַבלירט אַ יערלעכע פּרעמיע פאַר דער בעסטער יידישער דראַמע אויפן נאָמען פון י. ל. פּרץ מיט דער פינאַנציעלער הילף פונעם קולטור־טוער אַלעקסאַנדער שאַפּיראָ פון באָסטאָן.

לעצטנס איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דער זשורי פון דער י. ל. פּרץ־פּרעמיע פאַר דער בעסטער דראַמע. די זשורי, וואָס איז באַשטאַנען פון יאנאס טורקאָוו, מענדל עלקין און דר. י. שאַצקי, האָט באַשלאָסן ניט צו פאַרטיילן קיין פּרעמיעס אין יאָר 1953, נאָר צונויפצוגיסן די צוויי יערלעכע פּרעמיעס אויף דער סומע פון טויזנט דאָלאַר.

די ווערק פאַר דער זשורי פון דער י. ל. פּרץ־פּרעמיע פאַר דער בעסטער יידישער דראַמע קענען צוגעשטעלט ווערן אין געדרוקטער אָדער געשריבענער פאָרם. די געדרוקטע דראַמען דאַרפן האָבן דערשינען אין 1952 און 1953.

ביכער און מאַנוסקריפּטן דאַרפן צוגעשיקט ווערן ביזן 15־טן יאַנואַר, 1954 אויפן פאָלגנדיקן אַדרעס:

Congress For Jewish Culture,
25 East 78th Street,
New York 21, N. Y.

* * *

## א בוך פון חיים ליבערמאַן קעגן שלום אש׳ן

אין דעם אַמעריקאַנער פאַרלאַג „פילאָסאָפיקל לייברערי“ איז אַרויס פון דרוק, אין ענגליש, אַ בוך פון חיים ליבערמאַן קעגן די „קריסטלעכע“ שריפטן פון שלום אַש. דער נאָמען פון ליבערמאַנס בוך איז „די קריסטלעכקייט פון שלום אַש“, אַן ענטפער פון יידישן שטאַנדפּונקט.

אין דעם ענגלישן בוך פון חיים ליבערמאַן, ווערן אַלע אַש׳ס קריסטלעכע ראָמאַנען גרינטלעך פאַנאַנדערגעגלידערט און אָפּגעענטפערט פון יידישן שטאַנדפּונקט.



### דרום אַפריקע

דער חודש־זשורנאַל „דרום אַפריקע“, אָרגאַן פון דער יידישער קולטור־פעדעראַציע אין יאָהאַנעסבורג, (דרום־אַפריקע), האָט געפייערט דעם 5־טן יאָרגאַנג פון זיין עקזיסטענץ.

„דרום־אַפריקע“ איז די איינציקע ליטעראַרישע חודש־שריפט אין יידישן לשון אין דרום־אַפריקע ווו עס וווינען אַרום 110,000 יידן און האָט אין משך פון זיין 5־יאָריקער עקזיסטענץ אָנגעפירט אַ ווירדיקן קאַמף פאַרן יידישן לשון און פאַר דער יידישער קולטור אין דאָרטיקן ישוב.

מיר באַגריסן די יידישע קולטור פעדעראַציע אין דרום־אַפריקע און ווינטשן דעם פיין רעדאַקטירטן זשורנאַל „דרום־אַפריקע“ אריכת ימים.

### מעקסיקאָ

די צייטשריפט „פאָרויס“ אין מעקסיקאָ, „אָרגאַן פון דער געזעלשאַפט פאַר קולטור און הילף“, וואָס דערשיינט רעגולער צוויי מאָל אַ חודש, האָט געפייערט דעם 200־סטן נומער און 15־טן יאָרגאַנג פון זיין עקזיסטענץ.

דער „פאָרויס“ איז אַ בונדישע צייטשריפט און מען מוז מודה זיין, אַז כמעט אַלע בונדישע צייטונגען, זשורנאַלן און אַנדערע אויסגאַבעס, וואָס דערשיינען אין די פאַרשיידנסטע לענדער, צייכנען זיך אויס מיט זייער זויבערער פּעדאַנטישקייט און ליבשאַפט צום יידישן לשון.

* * *

## לאָנדאָנער קולטור-ידיעות

דער לאָנדאָנער יידישער שרייבער ל. ש. קרעדיטאָר, מיטרעדאַקטאָר פונם היגן וואָכנבלאַט „די יידישע שטימע“, פאָרט די טעג קיין ישראל אויף אַ לענגערן באַזוך. מיר ווינטשן אונזער ליבן קאָלעגע, דעם „זקן הסופרים“ פון דער לאָנדאָנער יידישער שרייבער־משפחה, אַ האַרציקן צאתך לשלום.

* * *

דער באַקאַנטער יידישער פּעליעטאָניסט אברהם שולמאַן, מיטאַרבעטער פון די פאַריזער „אונזער שטימע“ און פון פאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן, וועט אויף דער איינלאַדונג פונם היגן יידישן זשורנאַליסטן און ליטעראַטן פאַראיין קומען קיין לאָנדאָן האַלטן אַ רעפעראַט א.ד.ט.: „הומאָר און דיקטאַטור“.

דער רעפעראַט וועט פאָרקומען זונטאָג, דעם 11־טן אָקטאָבער, 5 נאָכמיטאָג אין אונזער לאָקאַל, „באַרקלעי הויז“, 783 פינטשלי רויד, נעבן דעם ריגל סינעמאַ. קאָלעגן און פריינט ווערן איינגעלאַדן צו דעם אינטערעסאַנטן פאָרטראַג.

דר. י. מייטליס, דער חשובער מיטאַרבעטער פון אונזער זשורנאַל, געפינט זיך איצט אין די סקאַנדינאַווישע לענדער ווו ער איז אויפגעטראָטן מיט רעפעראַטן אין דער שוועדישער הויפּט־שטאָט שטאָקהאָלם און אין אָסלאָ (נאָרוועגן).

דר. מייטליס וועט אויך באַזוכן העלסינקי (פינלאַנד) ווו ער איז איינגעלאַדן געוואָרן פונם דאָרטיקן יידישן ישוב.

* * *

אונזער חשובער מיטאַרבעטער, דער באַקאַנטער הערצל־פאָרשער יוסף פרענקל, וועלכער האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק געפייערט זיין 50־סטן געבוירן־טאָג, פאָרט די טעג אויף אַ באַזוך אין מדינת ישראל און וועט דאָרט פאַרברענגען עטלעכע וואָכן.

יוסף פרענקל וועט צום ערשטן מאָל באַזוכן די יידישע מדינה, וואָס וועט פאַר אים זיין אַן אינספּיראַציע פאַר זיין צוקונפטיקער פאָרשונגס־אַרבעט.

מיר ווינטשן אונזער חשובן פריינט און קאָלעגע אַ האַרציקן „זיי געזונט“.

## ביכער אָנגעקומען אין רעדאַקציע

„יאָ און נישט ניין", פון יחזקאל בראָנשטיין, לאָס אַנדזשעלעס.

„קידוש השם" פון ירשמיאל בריקס.

„אַ ברונעם ביים וועג" (דערציילונגען) פון משה דלוזשאַנאָווסקי.

געקליבענע דראַמען, צווייטער באַנד, פון ב. דיימאָנדשטיין, קאַליפאָרניע.

„דאָס בוך פון די עלנטע", פון יוסף אָקרוטני, בוענעס-איירעס.

שטודיען וועגן יידישער פאָלקסשאַפונג, פון י. ל. כהן, ניו-יאָרק.

פאַריזער צייטשריפט, פעריאָדישע אויסגאַבע, פאַריז.

„ווייטער", נומער 6, זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, רעדאַקטירט פון ש. שוואַרץ און מ. שטיינגאַרט.

דורשט צום קוואַל (לידער) פון זימל טקאטש, ניו-יאָרק.

די לעצטע אויסגאַבעס פון „יידישן קעמפער", ניו-יאָרק.

„דער שפיגל", בוענאָס-איירעס.

„פאָלק און ציון", נומער 11-12, ירושלים.

„הרופא העברי", ניו-יאָרק.

„יונגער דור", 1-טער ליטעראַרישער קאָנקורס פאַר יוגענטלעכע, אויפן נאָמען פון מרדכי סטאָליאַר ע"ה, רעדאַקטאָר פון „די יידישע צייטונג" אין בוענאָס-איירעס.

* * *

מיר בעטן די רעדאַקציעס פון די יידישע צייטונגען, וואָכנבלעטער און זשורנאַלן, אַז זיי זאָלן אונז צושיקן טויש-עקזעמפלאַרן פון זייערע אויסגאַבעס.

גלייכצייטיק בעטן מיר אויך די מחברים פון יידישע ביכער, אַז זיי זאָלן אונז צושיקן זייערע שאַפונגען, וואָס וועלן רעגלמעסיק רעצענזירט ווערן אין אונזער זשורנאַל.

רעדאַקציע „לשון און לעבן".

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאָכמיטיקס

אין „בערנאַרד באַראָן סעטלמענט", 33 בערנער סטריט, א.1. אָנהויב 3 אַזייגער.

שבת, דעם 3-טן אָקטאָבער, י. ביעטש און אייזיק גאָלדבערג איבער אַקטועלע ענינים.

שבת, 10-טן אָקטאָבער, — דער באַקאַנטער שרייבער אברהם שולמאַן פון פאַריז, וועט זיין אונזער גאַסט און ריידן וועגן „הומאָר אין ישראל און אין גלות".

שבת, 10-טן אָקטאָבער, וועגן דעם נייעם יידישן טעאַטער-סעזאָן אין לאָנדאָן.

שבת, דעם 17-טן אָקטאָבער, דער חרוב-געוואָרענער „אַרבעטער-רינג". אויף דער אָנגעווייטיקטער טעמע וועלן רעפערירן באַקאַנטע יידישע אַרבעטער-טוער.

שבת, דעם 24-טן אָקטאָבער, א. נ. שטענצל וועגן דער יידישער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אין די ווינטער-חדשים.

שבת, דעם 31-טן אָקטאָבער, וועגן די יידישע שאַפונגען אין יאָר תשי"ג.



## „פריינט פון יידיש לשון"

**זונטיק**, דעם 25-טן אָקטאָבער, 8 אין אָוונט, וועט אין **„בן-אורי"**, 14 פּאָרטמען סטריט, וו.1., פאָרקומען אונזער חודשלעכער צוזאַמענקונפט געווידמעט די יידישע פּראָזאַיקער און פּאָעטן פון לאָנדאָן. מיט אָפּשאַצונגען וועלן אַרויסטרעטן: א. נ. שטענצל, י. א. ליסקי און אַנד. פאָרזיצער: א. נ. שטענצל.

### חשובע פריינט:

לייענט און פאַרשפּרייט אונזער זשורנאַל; שאַפט פאַר אים נייע אַבאָנענטן און קומט צו אונזערע ליטעראַרישע פאַראַנשטאַלטונגען און קאָנצערטן; שטיצט אונזער קולטור-טעטיקייט אין לאָנדאָן. פאַרגעסט נישט, אַז פון אייער מיטהילף איז אָפּהענגיק אונזער אַרבעט.

## מזל-טוב די פאמיליע פאליאקאוו

אַ האַרציקן מזל-טוב מיינע חשובע פריינט, פרוי און אהרן פאָליאַקאָוו (אַרויסגעבער פונם פאַריזער זשורנאַל „דער טעאַטער שפּיגל), צום געבוירן ווערן פון זייער ערשטן אייניקל ליליאַנע. די עלטערן פונם טעכטערל ווינש איך אַ סך נחת פון זייער קינד.

ש. י. האַרענדאָרף.

## „ניי יידיש טעאַטער" אין לאָנדאָן

אַמהורסט פאַרק האָל (סטעמפאָרד היל, נ.16.), 100 אַמהורסט פאַרק.

טעלעפאָן 0416. (באַסעס: 629. 621, 653)

יצחק קרעלמאַן פרעזענטירט די באַליבטע זיד-אַמעריקאַנער סטאַר-געסט

### זשעני לאַוויטש און מיכאל מיכאלאוויטש

און דעם באַליבטן בוף-קאָמיקער **פיניע גאלדשטיין**, צוזאַמען מיט: דאָראַ קרעלמאַן, מיני שערמאַן, קלאַראַ מייזעלס, יצחק קרעלמאַן, מאַקס איצקאָוויטש און מאַקס בוים.

### יעדע וואך א פרעמיערע פון א נייער פיעסע

בענעפיטס פאַר סאָסייטיס צו זייער ביליקע פרייזן, קענען שוין באַשטעלט ווערן. שרייבט אָדער טעלעפאָנירט צו אונזער טעאַטער-פאַרוואַלטער:

Willy Stephany, 111 Evering Road, N.16. Phone: AMH 3188.

דער „בוקינג-אָפיס" אין טעאַטער איז אָפן יעדן טאָג, אויך אין די זונטיק טעג, פון 11 פאַרמיטיק. מוזיקאַלישע לייטונג: אַנאַ סטעפאַני.

איך דאַנק פריינט **ש. האַרענדאָרף** פאַר זיין אַרויסהעלפן ביים מאַכן דעם היינטיקן נומער אין מיין אַבוועזנהייט. צוליב מיין געזונט-צושטאַנד האָב איך געמוזט אַוועק אויף אייניקע וואָכן לאָנדאָן.

**א. נ. שטענצל**

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נאָוועמבער 1953 לאָנדאָן — פערצנטער יאָרגאַנג — נומער 11 (העפט 166)

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

## אינהאַלט:

| | | |
|---|---|---|
| מאַני לייב | •• | 1 |
| עפּן; ווי אַ גלאָק (לידער) | מאַני לייב | 5 |
| דעם רבינס צענערל (דערציילונג) | י. ביעטש | 6 |
| לידער | יוסף הלל לעווי | 9 |
| דער אוצר (ליד) | דר. א. ר. סען | 10 |
| ביינאַכט (ליד) | ש. זאַלקין | 10 |
| צו דער געשיכטע פון אַרבעטער־רינג אין ענגלאַנד | מ. מינדעל | 11 |
| פּלאַטאַנען אין ווייטשעפּל, וויקטאָריאַ פּאַרק, די פעלקער א.אַ. (לידער און צייט־לידער) | א. נ. שטענצל | 13 |
| די טויטן־גרעבער פון יידישן טעאַטער | א. מייזעלס | 17 |
| ווי טראַגיש עס שטאַרבט אַן אַלטער יידישער אַקטיאָר | ש. י. הארענדאָרף | 20 |
| די דיכטונג פון קלמן הייזלער (רעצענזיע) | י. א. ליסקי | 22 |
| דיקטאַטאָרן האָבן פיינט געלעכטער (וועגן אברהם שולמאַנס בוך) | ש. י. דאָרפזאָן | 26 |
| 13־יאָריקער „בר מצוה"־פייערונג פון זשורנאַל „לשון און לעבן" | ב. וו. | 27 |
| מאַקס נאָרדויס אומבאַקאַנטע בריוו | יוסף פרענקל | 28 |
| דר. א. שטיינבערגס גרוס פון יידישן לעבן אין לאַטיין־אַמעריקע | כפריני | 31 |
| קולטור - ידיעות | | 32 |
| לאָנדאָנער ידיעות | | 32 |
| די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס | | 33 |

**פּרייז 1 שילינג און 6 פּענס**

**אַבאָנעמענט־פּרייז:— 19/6 פאַר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד:— 5 דאָלאַר אַ יאָר**

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:—
"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

פריינט פון יידיש לשון

**דינסטיק, דעם 13־טן אָקטאָבער, 7.30 אָוונט**

**א וואָרט קאָנצערט און א באַנקעט**

צו די פולע 13 יאָר פון דערשיינען פון „לשון און לעבן"

אין אַדלער האָל, אַדלער סטריט, א.1

מיט באַטייליגונג פון באַגאַבטע קינסטלער. רעדעס, באַגריסונגען, רעציטאַציעס.

ביי געדעקטע טיש. — איינטריט 3/6

## א מצבה פאַר יעקב פאַמעראַנץ, ע״ה

זונטאָג, דעם 11־טן אָקטאָבער, 3 נאָכמיטאָג,, וועט אויפן „עדמאָנטאָן" בית־עולם געשטעלט ווערן אַ מצבה לזכורן דעם פאַרשטאָרבענעם קול־טור־טוער **יעקב פאַמענראַנץ**, עה.

חברים און פריינט ווערן געבעטן צו קומען אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד המת. מען וועט אָפּפאָרן צום בית־עולם פון 12 סט. קילדאַס רויד, נ.61, פּונקט 2.15 נאָכמיטאָג.

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

**IMPORT - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*